ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# קול צדיקים

אידיש

**660**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

מזכרת אמונה

ספר

# קול צדיקים

אַ גרויס געשריי פון די הייליגע צדיקים צו דערוועקן דיא יודישע אמונה, און זיך צו דערווייטערין פון די זאכין וואס מאכין קאליע די אמונה' און דעם יסוד פון גאנצען יודישקייט.

די צדיקים הקדושים זענין גיחתמת אויף די בריעף פון דעם ספר

ההצה"ק הרי"מ אדמו"ר מגאסטינין זצללה"ה
ההצה"ק הרי"ת אדמו"ר מאלכסאנדער זצללה"ה
ההצה"ק הר"א אדמו"ר מגראדזיסק זצללה"ה
הה"צ הגאון הרי"י הגאבד"ק קוטנא זצללה"ה
הה"צ הגאון הרח"א הגאבד"ק פיעטרקוב זצללה"ה
הה"צ הגאון הריד"ב הלוי הגאבד"ק בריסק זצללה"ה

הרבנים הג' הבד"צ דעיר הבירה ווארשא
הה"ג שמואל זיינוויל מו"צ. הה"ג יצחק ברי"א פ"ב מו"צ. הה"ג ליפמאן יו"ט מו"צ. הה"ג ישראל מרדכי מו"צ. הה"ג פתחי' במוהר"י מו"צ. הה"ג יצחק בהרמ"א ז"ל מו"צ
הרב הגאון הגדול הרא"ל האבד"ק ביאלסק זצללה"ה

אלה הצדיקים החתומים מחדש

הצהגה"ק הריא"ל אדמו"ר מגור זצללה"ה
הצהגה"ק הר"א אדמו"ר מסאכטשוב זצללה"ה
הצהגה"ק הר"י אדמו"ר קאצק פילוב זצללה"ה
ההצה"ק הרש"ב אדמו"ר מאטוואצק זצללה"ה
מנ"ב בארץ הקדושה תובב"א
הצהגה"ק הרי"י אדמו"ר מאלכסאנדער זצללה"ה
ההצה"ק הרי"ת הכהן אדמו"ר מראדאמסק זצללה"ה
ההגה"צ הרש"ר הגאבד"ק שעדליץ זצללה"ה
הגה"ק הרמ"י הלוי אדמו"ר מאסטראווצי שליט"א
ההצה"ק הר"א אייגער אדמו"ר מלובלין שליט"א
ההצה"ק הר"מ אדמו"ר מאמשענוב שליט"א
ההצה"ק הר"מ שליט"א בהצה"ק מטריסק זצללה"ה

ההצה"ק הר"ש אדמו"ר מסקערנעוויץ שליט"א. ההצה"ק הרמי"א ליינער אדמו"ר מראדזין שליט"א
ההצה"ק הרי"ז אדמו"ר מסאקאלאוו שליט"א. הגה"צ הרא"ת מייזיל הגאבד"ק לאדז שליט"א
הגה"צ הר"ח הלוי סלאווייציק הגאבד"ק בריסק שליט"א. ההצה"ק הראמ"מ אדמו"ר מראדזמין שליט"א
ההצה"ק הרי"א אדמו"ר מפארסוב שליט"א. ההצה"ק ה"ר בן ציון הגאבד"ק בילסק שליט"א

המאסף והמעתיק והמלבה"ד יועץ קים קדיש נ"י ראקאץ מפרשיטיק

## פיעטרקוב

בדפוס החדש של ר' חנוך העניך בה"ר ישעי' וואלף נ"י פאלמאן
שנת א ע ת " ר לפ"ק

# הקדמה

אין ירושלמי מסכת שביעית פרק ד׳ שטייט, רבי אבא בר זבינא האט גענייט מלבושים ביי א גוי, האט איהם דער גוי געבראכט נבילה־פלייש און האט איהם געהייסן עסן, האט ר׳ אבא בר זבינא נישט געוואלט עסן, האט צו איהם דער גוי געזאגט אויב די וועסט נישט עסן וועל איך דיך הרגנען, האט איהם רבי אבא געענטפערט אויב די ווילסט מיך הרגנען, הרגע מיך און איך וועל נישט עסן דאס בשר נבילה, דערנאכדעם האט איהם דער גוי געזאגט אז באמת האט ער נאר געמיינט איהם צו פרובירן אויב ער וועט עובר זיין אויף דעם דת התורה און וועט עסן חלילה דערנאכדעם וואלט ער איהם געהרגט, ער האט נישט געמיינט מעביר צו זיין רבי אבא על הדת ארבא ער האט געוואלט זעהן צו ר׳ אבא איז שטארק ביי זיין אמונה. ווארען יעדערער ברויך זיך שטארק צו האלטען ביי זיין אמונה, א יוד ברויך זיך צו פיהרען בדרך היהודים, און א א״י גייט בדרך העמים, נישט ער זאל ווערין גערופען דעם נאמען פון יוד׳ און זאל גיין דעם וועג פון די גוים ע״כ, לכן זעהן מיר ביי אנדערע אומות געפעלט אויך נישט אזוי א מענש וואס האט נאר א נאמען יוד און זאל זיך פיהרען מיט זיינע מדות און נעמען אזוי ווי גוים, ווי אזוי קען א מענש אנפאלען אז ער טהוט ווי זייערע מעשים וועט ער ביי זיי חן בעקומען זיי מעגין זיך גאלין די בארד און די פאות שערין, הן אין גאנג פון מלבושים וכדומה זיי גייען נאך ווי זייערע עלטערין האבין זיך געפיהרט און מיר יודין ברויכען זיך צו פיהרען אזוי ווי אונזערע עלטערין האבין זיך געפיהרט, איבער דעם זענען מיר מחויב צו שרייבין דיא ענינים וואס מאכען קאליע די יודישע אמונה חלילה, און דער וואס וועט אדורך לייענען די ענינים פון די הייליגע ספרים און פון די צדיקים וועט זיך דערוועקין ביי איהם די פונק פון יודישקייט, און פיהרען זיך דעם מנהג פון יודין אויך מיט זיינע קינדער דור דורות אמן.

דער ספר החינוך שרייבט עס איז א מצות עשה צו צוהערין צום קול פון די הייליגע חכמים פון יעדערין דור וואס זענין אין די זעלבינע צייט סיי אזעלכי זאכין וואס זיי דרשנ׳ן דרשות וואס די תורה ווערט גידרשנ׳ת. סיי אזוי אזאך וואס זיי גיפעלט פון זייער דעה צו מאכין א גדר התורה סיי אזוי אזאך וואס זיי זענין מסכים דאס איז סודות התורה. אדער אנאנדער ענין וואס געפעהלט זיי די זאך זאל אזוי זיין, זענין מיר מחויב צו פאלגין זיי, און דער וואס איז עובר אויף דעם, און וויל נישט צו הערין צו די עצה פון די גדולים פון זיין דור, הגדולים בחכמת התורה, איז ער מבטל די עשה דער עונש איז זייער גרוים, ווייל דאס איז די שטארקי זייל וואס די גאנצי תורה איז אן גילענט אויף איהם, דאס איז וויסינליך צו די אלע וואס האבין דעת דאס צו פארשטיין, לכן זענין מיר מחויב צו פאלגין הייגטיגע חכמים וצדיקים, אלעס וואס זיי שרייבין דא בזה הספר.

# קול מזכרת אמונה צדיקים

## אחינו בני ישראל מאמינים בני מאמינים!

הנה דאָס איז ווִיסִינגלִיךְ צו יעדערִין יוד ווִי ווייט יודִין זענִין גילויבט בייַ השי"ת, און די גאַנצי וועלט איז באַשאַפִין געוואָרִין פֿון וועגען יודִין, און וועגען תורה ומצות, אַזוי ווִי רש"י שרייבט בראשית ברא כו', בשביל ראשית איבער די יודִין וואָס ווערִין גירופֿען ראשית, און איבער די תורה וואָס ווערט גירופֿען ראשית, האָט השי"ת באַשאַפִין די וועלט, און יודען מאַכען אַברכה צוויי מאָהל יעדען טאָג אַז השי"ת האָט ליב יודען, און די פריה מאַכט מען אַברכה הבוחר בעמו ישראל באהבה, און בייַ מעריב מאַכט מען אַ ברכה אוהב עמו ישראל, און בשעת יודִין זאָגִין די ברכות, בעטִין זיי אַז השי"ת זאָל זיי געבִין שכל און פֿאַרשטאַנד צוא פֿאַרשטייִן אין אייבערשטענס תורה ומצות און זיי זאָלען קענען מקיים זייַן וואָס השי"ת האָט גיהייסען, נאָר בוודאי יעדער יוד וויל מקיים זייַן תורה ומצות. נאָר עול הגלות און טרדת פרנסה אויךְ אַנדערי טרדות, און דער יצר הרע פֿאַרבלענט יעדערִין מענש קען מען נישט מקיים זייַן אַזוי ווִי השי"ת האָט גיבאָטִין, ח"ו נישט במזיד עכ"פ יעדערער מענש קלערט פֿאַר אַ תכלית הנצחיי דער וואָס איז באמת אַ ערליכער יוד איז ער זיךְ מחזק בתורה ומצות אויךְ זעהט ער ווִי ווייט מעגליכקייט זיינע קינדער זאָלען אויךְ גייִן אין השי"ת ווע‍ג, בייַ אברהם אבינו ע"ה שטייט השי"ת האָט איהם ליעב גיהאַט ווייל ער האָט גיבאָטִין זיינע קינדער זאָלען היטען השי"ת וועג, נאָר אפילו די מענשען וואָס זיי אַלייִן קענען נישט זיצען און לערנען און היטען די מצות אַזוי ווִי השי"ת האָט גיבאָטִין, האָבען מיר גיזעהן פֿאָריגע יאָהרען אַז די עלטערִין האָבען זיךְ מוסר נפש גיוועזִין אַז די קינדער זאָלען בלייבען יודִין אפילו די עלטערִין זענען גיוועזִין שלעכט, אָבער די קינדער האָבִין זיי גיוואָלט זאָלען היטען אין אייבערשטענס וועג און זאָל זיךְ פֿיהרען ווִי אונזערי עלטערען האָבען זיךְ גיפֿיהרט און האָט זיךְ איבער גירעכינט, אַז דאָס קינד וועט גייִן אין גוטען וועג וועט ער איהם קענִין אויךְ אַ טובה טוהן אויף יענע וועלט אַזוי ווִי מיר גיפֿונען אַ סאַךְ מעשיות אַז די קינדער האָבען אַ טובה גיטוהן די עלטערִין בעולם העליון, די ערשטי מצוה אין די תורה איז מצות פרי' ורבי', אַז יעדער מענש זאָל האָבען קינדער פֿאַרשטייט יעדער מענש אַז די כוונה איז נישט ער זאָל האָבען קינדער אַזוי ווִי להבדיל בהמות וחיות נאָר זאָל האָבען קינדער כדי זיי זאָלִין דינען השי"ת.

די גמרא זאָגט אַז איינער לאָזט איבער אַ זוהן אַ צדיק איז גלייךְ ווִי ער וואָלט נישט גישטאָרבִין ממילא די דורות וואָס האָבען

דגר

דור אחר דור צדיקים, איז גלײַך ווי ער רעדט לאנג עס איז ווידער פארקערט ח"ו אז א קינד פיהרט זיך נישט בדרך הישר, שטראפט מען דעם פאטער בעולם העליון, אויך אויף די וועלט שעלט מען די פאטער און מוטער וואס זיי האבען מגדל געווען אזעלכע שלעכטע קינדער לכן איז מוטל אויף די עלטערין זאלען פיהרען די קינדער בדרך הישר און זיי שטענדיג צו זאגין מוסר אזוי ווי שלמה המלך ע"ה האט געזאגט חושך שבטו שונא בנו, דער וואס פארמײַדט זײַן רוט פון זײַן קינד האט ער דאס קינד פײַנד, טייל טײַטשען שונא בנו, דאס קינד ווערט דעם פאטער א שונא, אזוי ווי מיר זעהן מפורש בעוה"ר כל זמן דער פאטער און מוטער גיבען נאך כל תאוות זײַערע קינדער הן מיט עסען והן מיט מלבושים ושאר תאוות רעות רח"ל חנפנין די קינדער די עלטערין טאטישע מאמעשע ושאר חנופות, און אז דער פאטער וויל איהם זאגין מוסר אנטלויפט ער פון איהם ער ווערט אין פאטער א שונא, דער עיקר כיבוד אב ואם איז אז די קינדער גייען בדרך התורה און מצות נאר ווען ער טוט נישט קיין מצות און לערינט נישט קיין תורה איז מוטל אויף איהם מקיים צו זײַן מצות כיבוד, אזוי ווי מיר געפונען בײַ יעקב אבינו ע"ה די פירצין יאהר וואס ער האט געלערינט בײַ שם ועבר תורה איז ער נישט געשטראפט געוואָרין אויף כיבוד אב, אויך געפונען מיר אז דער פאטער הייסט איהם טוהן א עבירה איז ער נישט מחויב צו פאלגען איהם אפילו עבירה דרבנן, ווײַל ער מיט זײַן פאטער זענין מחויב אין אייבערשטענס כבוד ערליך צו האלטען דאס הייסט תורה ומצות, אויך אז דער פאטער איז נישט עושה מעשה עמך דהיינו ער איז עובר אויף די תורה איז ער נישט מחויב בכיבוד נאר זאל מקיים זײַן אלעס הן דאורייתא והן דרבנן ואפילו מנהג של מצוה נישט צו קוקען אויף זײַן פאטער איצט זענין זיי נאר מקיים כיבוד מיט דעם בלויסען מויל צו חנפנען טאטעשע מאמעשע, די רעשט מעגין זיי שוין טוהן וואס זיי ווילין פוירדיגע יאהרען האבען פאטער'ס און מוטער'ס נישט געוואלט צו נעמען חנופה פון די קינדער זענין ארום גינאנגען שטענדיג מיט זיי מיט שטראף רייד דורך דעם זענען זייא געבליבען ערליכע יודין די פאטער און מוטער האבען געהאט פון זיי אייביג שמחה, אבער יעצט דורך דעם חנפנען קומען זיי צו אלע בזיונות ר"ל. דאס איז אלעס ווײַל ער האט נישט געשטראפט קליינער=הייט, און האט נאך גינעבען וואס די קינדער האבען געוואלט, און דער עיקר ווענט זיך א קינד ווי עס איז געוואהנט פון קליינערהייט אזוי פיהרט ער זיך די גאנצע יאהרען.

שלמה המלך ע"ה האט געזאגט חנוך לנער עפ"י דרכו זאלסט געוויינען דאס קינד ווען עס איז יונג, גם כי יזקין לא יסור ממנה אויך ווען ער ווערט אלט וועט ער אויך נישט אפ קערין פון די זאך וואס ער איז געוואהנט, אויך האבען אונזערע חכמים געזאגט הרגל נעשה טבע וואס א מענש געוויינט זיך ווערט בײַ דעם מענש

אטבע

אַ טבע אַז ער ווערט אײַן גיוויינט מיט גוטין טוט ער שטענדיג גוטיץ ח"ו ער גיוויינט זיך צו שלעכטיץ איז גאַנץ שוועהר אָב צו גיוויינען, נאָך שטייט אין פּסוק טוב לגבר כי ישא עול בנעוריו גוט איז צו דעם מענש אַז ער טראָגט אויף זיך דעם עול השי"ת אין זיין יונגערהייט, לכן וועלען מיר אוים רעכינען די אַלע זאַכען וואָס מען דאַרף צוא פֿאַרהיטען די קינדער קלײנערהייט כדי זיי זאָלין נישט אַרוים גיין ח"ו לתרבות רעות ווען זיי וועלין קריגען עפּיס שכל אונזערי חכמים האָבען גיזאָגט אם אין גדיים אין תישים, אַז עס איז נישט דאָ קיין קלײנע ציגען קען נישט זיין קיין גרויסע, אַז איין מענש ווערט אַרום קלערין ער ווייסט נישט וועלכער וועג עס איז גוט ער זאָל לערגין זיינע קינדער ווייל ער זעהט אַז עס ווערט אויף גיטוהן אַלע מאָל נייעס קינדער צו לערגין זאָל ער פֿאַרטייטשין דעם פּסוק אין שיר השירים, אם לא תדעי לך היפה בנשים, דאָס איז אַ משל אויב די ווייסט נישט ווי צו פּאַשין דיינע שעפּילעך צאי לך בעקבי הצאן זאָלסטו נאָך גיין דיא טריט פֿון די אַלטע שאָף, דאָס מיינט מען זאָלסט זיי פֿיהרען אין דעם וועג ווי אונזערע עלטערין זענען גיגאַנגען זיי האָבין גיהיטען די תורה ומצות זיי האָבען נישט פֿאַרענדערט זייערי מלבושים, און זייער לשון, און זייערי נעמען. אַז די וועסט אַזוי טוהן, ורעי את גדיתיך על משכנות הרועים, וועלין זיי קענען אַ קיום האָבען אין גלות עס וועט זיי קיינער נישט קענען קיין שלעכטיץ טוהן זיי וועלין ח"ו נישט פֿאַרלוירען ווערין אין גלות.

דאָס איז געוויס ביי יעדערין מענש אַז אַ צווייגיל כל זמן עס איז נאָך יונג קען מען דאָס צווייגיל בייגין אָבער אַז דאָס צווייגיל איז שוין אַלט איז עס האַרט איז גאַנץ שוועהר צו בייגין, אַזוי איז אויך ביי קינדער כל זמן זיי זענען קליין זיי ברויכען נאָך צו די עלטערין אויך זיי זענען גיבוירען יודין ווייסען זיי אַז זיי ברויכין זיך צו פֿיהרען אַזוי ווי יודין פֿיהרען זיך, נאָר די עלטערין אַליין מאַכען קאַליע די קינדער, די תורה האָט געזאָגט אַז אַ קינד הייבט אָן צו רעדען זאָל מען דערמיט לערנען תורה צוה לנו משה און אַנדערי פּסוקים פֿון די תורה ומכל שכן ער זאָל ח"ו נישט פֿאַרענדערין דאָס יודישע לשון, און אַז ער טוט נישט אַזוי איז גלייך ווי ער וואָלט איהם בייגראָבען אַזוי טייטש רש"י הקדוש אין פּ' עקב בשם ספרי ווייל עס שטייט ולמדתם אותם את בניכם, דערנעבין למען ירבו ימיכם וימי בניכם צו ווייזען אַז דער וואָס יערינט מיט דעם קינד תורה הייסט אריכות ימים, און ח"ו נישט איז גלייך ווי ער וואָלט איהם בייגראָבין ברויך זיך יעדערער צו געבען דאָס משל ווי וואָלט גיוועזין אַז איינער וועט קומען און אַוועק חאַפּען זיין קינד און זאָל איהם בייגראָבין לעבעדיגיהייט ווי וויים וואָלט ער גישריגען אין די גאַסען מען זאָל זיין קינד מציל זיין פֿון טויט, מכל שכן אַז די עלטערען אַליינט זאָלען בייגראָבין זייערי קינדער לעבדיגיהייט, איז דען גיהערט גיוואָרין אַזעלכי

אכזריות

אכזריות ובפרט די טײַערע קינדער צאן קדשים תינוקות של בית רבן, וואָס די וועלט שטייט אויף די פאַרע פון זייער מויל זיי האָבען נאָך נישט טועם געוועזען קיין טעם חטא וואָס זייער מויל איז כלי הקודש זאָל ער אַליין ניין מטמא זײַן זייער מויל, און חרוב מאַכען וועלטען, יעדערער יודע בעהט בימים נוראים ובכל התעניתים וסליחות, עשה למען תינוקות של בית רבן ברויך מען זיי אָב צו היטען פון זינד און זייא צו געוויינען צו תורה ומצות.

דער האר"י הקדוש ברענגט אַז דאָס גאַנצען לעבען פון מענש איז דאָס חיות פון די יוגענד וואָס ער האָט נישט געזינדיגט ניט עס איהם אַריין אַ חיות אויף די גאַנצע זיבציג יאָהר דער עיקר יסוד איז די יונגע יאָהרען אַז ער מאַכט אַ גוטען יסוד קען שטיין דאָס גאַנצע בנין אָבער די עלטערען מאַכען באַלד קאַליע די קינדער דאָס איז דער עיקר יסוד, קען דאָס בנין ח"ו אײַנפאַלען, מיר זעהן וואָס קומט אַרויס פון די קינדער ברויכט מען אַליין צו פאַרשטיין ווי ווײַט אָב צו היטען די נײַע דורות, עס ווערט געברענגט אין ספרים, אַ דיוק שטייט אין אבות איזהו חכם הרואה את הנולד, הנולד איז טײַטש עס איז שוין לאַנג געבוירען געוואָרען, האָט געברויכט שטיין היולד וואָס וועט ווערען געבוירען נאָר דער אמת איז דער חכם זעהט וואָס איז שוין געבוירען געוואָרען דורך דעם פאַרהיט ער דאָס וואָס וועט ווײַטער זײַן, לכן בעוה"ר אין אונזערע צײַטען זעהט מען וואָס איז שוין געוועזען פון די קינדער, ברויכט מען צו פאַרהיטען אויף ווײַטער אַ מענש טאָר נישט זאָגען איך בין אין אַזוי אַ שטאָדט וואָס רוב מענשען פיהרען זיך שלעכטע נענג וועל איך אויך מיך פיהרען מיט מײַנע קינדער עס שטייט אין די תורה הקדושה לא תהי' אחרי רבים לרעות צו שרעכטען טאָר מען נישט נאָך גיין נאָך דעם רוב מענשען מיר זעהן יודען זענען צו ווישען זיבציג אומות זיי זענען דאָס ווייניגסטו און זענען זיך שטענדיג מוסר נפש פאַר השי"ת וועגען, מכל שכן נאָך אַזעלכע זאַכען וואָס עס גייט זייא קיינער נישט דערצו, קען זיך יעדערער שטאַרקען מציל זײַן זײַנע קינדער פון גיהנם, פון די רשעים גמורים הכופרים האפיקורסים עס איז זייא ניחא אַז די קינדער זאָלען זײַן גלײַך ווי זיי איז נישט וואָס צו רעדען, עס איז איין איסור אפילו זייא צו זאָגען תוכחה די חכמינו ז"ל זאָגען ודע מה שתשיב לאפיקורס זאָלסט וויסען וואָס צו ענטפערען אַפיקורס, מײַנט מען אפיקורס עכו"ם, אָבער אפיקורס ישראל טאָר מען נישט ענטפערען, ער ווערט נאָך מיין הפקר אַז מען זאָגט איהם שטראָף רייד מען טאָר נישט האָבען מיט זיי קיין שום וויכוח, נאָר אַזעלכע וואָס ווילען נישט טוהען ח"ו במזיד טייל ווייסען נישט ווי ווײַט דער איסור איז און טייל דאַכט זיך ער מוז נאָך טוהן איז אַ מצוה צו זאָגען איינער דעם אַנדערען תוכחה מיט גוטען איהם צו געבען פאַרשטיין אַז מיר יודען ברויכען נישט די אַלע זאַכען וואָס ווערען אין הײַנטיגען דור אויף געטוען און דער זאָל זעהן אַז די קינדער זאָלען

בלײַבען

בלייבען יודען זאָלען עוסק זיין בתורה ועבודה, אַז איינער וועט נעבען צו פאַרשטיין דעם צווייטען מיט זיין גאַנצען האַרץ וועט ער זיכער פועלין, דברים היוצאים מהלב נכנסים ללב, די ווערטער וואָס גייען אַרוס פון האַרץ ערליך, גייען אַריין אין די אַנדערע הערצער,

פאַר שטייא גוט דאָס משל וואָס הגאון הקדוש בעל חתם סופר האָט גיזאָגט אין זיין דרשה ווען עס האָט זיך אָן גיהויבען די פריצים והאפיקורסים צו שטאַרקען זיך אין זיין שטאָדט אַ משל, אַ מלך האָט גיהאַט אַ טאָכטער זיא איז קראַנק גיוואָרען מיט אַ שרעקליכע קרענק האָט מען באַלד גישיקט נאָך די קייזערליכי דאָקטוירים צו היילען זי און אַ צייט אַרום איז דער קייסער גיגאַנגען מבקר חולה זיין די טאָכטער האָט ער גיטראָפין שטיין פאַר איהר חדר פון אויסענווייניג, דאָקטוירים שטייען מיט כלי זיין אָן גיטוהן און האָבען זיך אַרום גידרייט פאַר די טיר אַזוי ווי אַ זעלנער אין די מלחמה, האָט דער קייסער גיפרעגט וואָס איז דאָס האָבין איהם די דאָקטוירים גיענטפערט אדוני המלך! מיר שטייען אויף די וואַכט צו פאַר היטען דאָס גיזונד פון גאַנצען הויז פון מלך. אַזוי ווי מיר האָבען גיהערט אַז דיין טאָכטער איז אַריין גיפאַלען אין אַ שרעקליכע קרענק ווי וויים עס איז נאָר מעגליך גיוועזין צו היילין זי און ברענגען רפואות האָבען מיר אַלעס גיטוען, נאָר יעצט האָבען מיר גיזעהן אַז זי האָט אין זיך אַזוי אַקרענק אַז עס איז נישט מעגליך בדרך הטבע אַז זי זאָל גיהיילט ווערען, אויך איז עס זראַזליווע דער וואָס גייט צו קען ח"ו בהעפטין זיך אין איהם די קרענק, דער מענש וואָס גייט צו צו איהר איז אין אַגרויסע סכנה, האָבען מיר מורא גיהאַט פאַר דעם גאַנצען הויז גיזונד פון מלך, האָבען מיר מסכים גיוועזין צו זאַמען אַלע דאָקטוירים צו היטען ביי די טיהר מיט כלי זיין צו ווערין עס זאָל נישט קומען קיין שום מענש פון קייסער'ס הויז אין איהר חדר אַריין ער זאָל נישט צו גיין צו איהר טיהר.

דאָס נמשל איז אויף יעדערין יוד איז מוטל די מצוה הוכח תוכיח ער זאָל דעם צווייטען שטראָפען, ומכש"כ נאָך די ת"ח דיא רבנים ומנהיגים פון יעדערי שטאָדט זיי זענען דאָך גיזעצט אויף השי"ת'ס הויז גיזונד די יודין, וואָס איז נוגע צו זייער גו"ג ונשמה זיי צוא זאָגען וועלכען וועג זיי זאָלען גיין זייא זאָלין קענען קומען לחיי עוה"ב נאָר עס האָט זיך אָן גיהויבען אַ קרענק ביי טייל מענשען וואָס איז נישט דאָ קיין רפואה בדרך הטבעי ביז השי"ת וועט זיך אַליין מרחם זיין אויף זיי דהיינו זיי לייענען ספרי חיצונים ביכער און צייטונג וואָס שטייט אפיקורסית, וואָס שלמה המלך ע"ה האָט גיזאָגט כל באי' לא ישובון די וואָס פאַלען אַריין אין אפיקורסית קענען נישט קיין תשובה טוהן, אויך דאָס אפיקורסית פאַרלענדט די מענשען וואָס דרייען זיך דערנעבען איהר טיהר, דאָס בלויסען שמועסן מיט די דאָזיגע

מענשען

מענשען קען שאַדין ח"ו, לכן זאָג איך נישט צו די וואָס זענען שוין אַריין גיפאַלען אין קרענק פון אפיקורסית צו זייער קרענק איז נישט דאָ קיין רפואה דורך שטראָף רייד מען טאָר נישט מיט זיי האָבען קיין שום וויכוח וואָס מעהר איך וועל מעהרען צו לעשין דאָס פייער פון דעם יצה"ר פון די אפיקורסים וועט זיך נאָך מאַכען אַ גרעסערען פלאַם אַזוי ווי אונזערע חכמים האָבען גיזאָגט אַז אפיקורס ישראל אַז מען זאָגט איהם מוסר ווערט ער מעהר הפקר איך בין נישט געקומען נאָר צו היטען ביי די טיהר, צו פאַרהיטען די רעשט וואָס זענען איבער גיבליבען זיי זאָלין זיך דערוויַיטערען ווי ווייט מעגליך עס איז נאָר פון די רשעים זיי זאָלין נישט ווערין איין גיטוהן מיט זייער זינד, אַזוי האָט גיזאָגט דער הגאון הקדוש זצללה"ה, דאָס זעלביגע האָט זיך גענאַכט בעוה"ר צייט עטליכע יאָהרען זענען אַריין גיפאַלען טויזינדער קינדער אויך גרויסע מענשען אין הפקרות אַריין עס איז גאַנץ שווער זיי צו ראַטיווען ביז השי"ת וועט זיי אַליין שיקען די רפואה זיי זאָלען זיך אַליין מיישב זיין תשובה צו טוהן אָבער מענשען טאָרין נישט מיט זיי רעדען וויכוחים האָבען, נאָר אויף די רעשט יודין און קינדער וואָס זענען נישט אַריין גיפאַלען ח"ו איז יעדערער מחויב מוסר צו זאָגען איינער דעם אַנדערין ובפרט די עלטערין זייערע קינדער און די מלמדים צו זייערע תלמידים און יעדער רב אין זיין שטאָדט, עס שטייט אין די תורה לא תעמוד על דם רעך, אַז איינער זעהט אַז דער צווייטער טרענקט אין אַ וואַסער איז ער איהם מחויב מציל צו זיין די חכמים זאָגען המחטיא את חבירו קשה מן ההורגו, אַז איינער מאַכט זינדיגען דעם צווייטען איז ערגער ווי ער וואָלט איהם גיהאַרג'ת לכן דער וואָס זעהט איז מען מחויב מציל צו זיין.

א) דאָס ערשטע נעמט זיך וואָס אַקינד ווערט קאַליע וויַיל ער האָט שלעכטע חברים זיי רייַדין איהם אָן צו שלעכטען דאַרף יעדערער טאַטע און דער מלמד צו זעהן מיט וועמען ער חבר'ת זיך דאָס איז דער גרעסטער סימן אַז דער וואָס האָט אַ גוטען חבר איז אַ סימן ער איז גוט, אויב ח"ו ער האָט אַ שלעכטען חבר, איז ער אויך דער זעלבער שלעכטער אונזערע חכמים האָבען גיזאָגט לא להנם הלך הזרזיר אצל עורב אלא מפני שהוא מינו כי כל עוף למינהו ישכון, עס איז דאָ אַ עוף הייסט עס זרזיר, האָבען די חכמים גיקלערט צו דאָס עוף איז כשר, צו טמא, האָבען זיי גיזעהן אַז דאָס עוף גייט שטענדיג מיט די קראָען, האָבען זיי זיך פון דאַניט אַרויס גינומען אַז דאָס איז אַ עוף טמא גלייך מיט די קראָען דער סימן איז בדוק ומנוסה, ביי גרויסע מענשען אויך צו זעהן מיט וועמען ער איז חבר אַזוי איז ער מען זעהט אַז איין מענש אַליין אפי' ער איז אַ רשע ח"ו קען ער נישט אַזוי שלעכט זיין ווי ער האָט צו זיך צוא שלעכטע חברים דאָס ברענגט צום גרעסטען שלעכטץ ח"ו (עיין הרמב"ם פ"ו ה' דעות).

ב) די צווייטע זאך וואס ברענגט ח״ו לכל עבירות שבעולם די קינדער וואס מען הייבט אן צו לערנען כתב ולשון מכל לשונות פון אלע פעלקער. און לערנען ביי אזעלכי מלמדים וואס לערנין מיט זייא די תורה הקדושה מיט זייערע פירושים, און וואס זיי פארשטעהן נישט מיט זייער שכל הטמא, די תורה הקדושה ווילין זיי נישט לערנען מיט דיא קינדער ובפרט זיי זאלען ווארענען די קינדער ווענען דינים ומוסר ודרך ארץ כמנהג של תורה - ווייסען זייא נישט ומכש״כ א מנהג און א איסור דרבנן איז ביי זיי א גילעכטער און די קינדער פאר שטעהן נישט צוא מאכען א חילוק בין טוב לרע איז דער עיקר שולדיג דער פאטער און מוטער אפי׳ צו לערנין די תורה מיט הייליגע פירושים וואס ניבען צוא אזעלכע מלמדים נאר ער לערינט פאר א חכמה איז אויך א איסור מכש״כ מיט זייערע פירושים טמאים.

הצדיק הקדוש ר׳ צבי אלימלך מדינוב זצללה״ה שרייבט אין זיין ס׳ מען נגים, אין תחילת האט ער ארום גיקלערט פאר וואס שוין א צייט זענען מדקדק די ערליכע יודין זיי זאלין נישט לערנען מיט די קינדער כסדר דהיינו פריהער תנ״ך דער נאך גמרא נאר אזוי ווי א קינד קריגט נאר עפים שכל הייבט מען מיט איהם אן גמרא די ערשטע חכמים האבען יוא גילערינט כסדר אויך אין מסכתות אבות שטייט אויך כסדר פריהער תנ״ך דער נאך משניות וגמרא האט דער גאון הקדוש גיזאגט ווי ער האט זיך ארום גיקוקט דעם ביישטאנד יעצט בעוה״ר האט ער גימאכט א ברכה ברוך הבוחר בעמו ישראל ובמנהגיהם הטובים גלויב איז השי״ת וואס האט אוים דערוויילט אין די יודין און זייערע נוטע מנהגים וויל מען זעהט אז די אלע וואס לערנען צו פיעל תנ״ך און זיי האבען קיין גמרא נישט גילערינט ווערין זיי קאליע ר״ל, וויל זיי נעמען צו דאס צו חכמת לשון הקודש צו לערנען אדער צו אנדערע חכמות איבער דעם טאר מען אונז דאס נישט טוהן צו לערנען פריהער תנ״ך און דערנאך גמרא אזוי ווי ער האט גיהערט פון הצדיק הקדוש ר׳ משה פשעווארסקער זצ״ל ער האט גיזאגט אויף חכמת הדקדוק חאטש דאס איז א יסוד פון אונזער הייליגע תורה, נאר וויל מען האט גיזעהן די אלע וואס לערנען דקדוק זענין קאליע גיווארין וויל זייא זאגין אז די דרשת חכמז״ל זענען נישט עפ״י דקדוק איז איין איסור צו לערנען דקדוק, אזוי ווי רש״י הקדוש שרייבט קיינען דעם מקריב צו זיין אויף א במה, חאטש די במה איז גיוועזין גילויבט אין דיא צייטען פון אונזערע עלטערין זיי האבען מקריב גיוועזין אויף במות נאר וויל די פעלקער האבען גימאכט די במות א חוק צו די עבודה זרה האט מען עס פיינד גיקריגען און מען טאר נישט מקריב זיין אזוי איז אויך קיינען לערנען תנ״ך מיט דקדוק ומכש״כ אנדערי לערנעכץ וואס מען קען ח״ו קאליע ווערין טאר מען א ודאי נישט לערנען וויל מען זעהט אז די דאזיגע גייען ארוים פון כלל ישראל ח״ו, און דער זעל= ביגער כלל איז ביי גרויסע מענשען אויך אז מען זעהט אז ער גייט

אראפ

אראפ פון דעם מנהג ווי יודין פיהרען זיך ברויך ער צוא האבען בדיקה צו עס שטעקט נישט אין איהם ח"ו א צד מינות ל"ע, כי מנהג ישראל תורה הוא, אפי' אזוי א מנהג עס קוקט אוים ח"ו אזוי ווי א גילעכטער טאר מען נישט משנה זיין, אסאך דיני שו"ע זענען מיוסד על מנהגים.

אויך וועל איך פאר ציילען וואס האט זיך פארלאפען א מאל האט א תלמיד חכם ירא שמים בידארפען צו פאהרין אין ווייטען וועג צו האנדלין, דער וויל ווי ער איז נעקומען אין א פרעמדע שטאדט ער האט נישט גיקענט קיין שום מענש צו זיי זענין יראים ושלימים האט ער אויף זיך גינומען אז ער זאל נישט עסען קיין פליש אויך אנדערי זאכען וואס קענין אהן ריהרען א איסור, איז גיוועזין אין די שטאדט א חברה אפיקורסים האבען זיי גיקלערט ווי אזוי מכשיל צו זיין דעם תלמיד חכם אין א איסור האבין זיי אוים גיקליבען איינעם פון זייער חברה ער זאל טוהן ווי ווייט מעגליך און מכשיל צו זיין דעם ת"ח ר"ל איז דער אפיקורס גיגאנגען אין בית המדרש אריין און האט זיך גיזעצט

לערנע

לערנען דערנעבען דעם תלמיד חכם, און האט אלע מאל גישמעסט מיט דעם ת״ת אין לערנען און האט זיך פארשטעלט ווי ער איז א פרומער יוד, ביז דער ת״ת האט גירעכינט אז דער אפיקורס איז א ערליכער יוד האט זיך דער ת״ת מיט איהם מחבר גיוועזין זיי זענען גיווארען חברים א מאל אין א צייט ארום האט דער אפיקורס פארלאנגט פון דעם ת״ת אז ער זאל אהיים גיין צו איהם עסין מיט איהם א סעודה ומחמת דער ת״ת האט גירעכינט אז דער אפיקורס איז א ערליכער יוד איז ער אוודאי נזהר פון מאכלות אסורות האט איהם דער ת״ת צו גיזאגט אז ער וועט מיט איהם עסין א סעודה נאר ווייל דער ת״ת איז גיוועזין נזהר אין אלע זאכען אפילו אין א מנהג של מצוה ער האט שטענדיג גיקושט די מזוזה ווען ער איז אריין גיגאנגען אין שטוב און ווען ער איז ארויס גיגאנגען פון שטוב, דער מנהג האט איהם מציל גיוועזין פון טריפות אזוי ווי דער ת״ת איז מיט גיגאנגען מיט דעם אפיקורס אהיים צו גיין עסען מיט איהם, אזוי ווי ער איז גיקומען צו די טיהר פון דעם אפיקורס האט דער ת״ת גיוואלט קושען די מזוזה האט ער גיזעהן אז דער אפיקורס האט נישט קיין מזוזות האט ער זיך צוריק גיקערט זעהט מען דאך אז די מנהגים האבען מציל גיוועזין פון איסור נדה און פון טריפות, פון דאניט קען מען שוין גלייבין צו אלע יודישע מנהגים נזהר צו זיין נישט אזוי ווי עס האט זיך גימאכט בעוה״ר דאס ערשטי ווילין זיי מבטל זיין די יודישע מנהגים ביסליך ווייס ביז זיי זענען מבטל די תורה ח״ו לכן איז זיך יעדערער מענש מחויב צו דער= ווייטערין ער מיט זיינע קינדער פון די מענשען וואס פאר ענדערין יודישע מנהגים ער זאל נישט לאזען לערנען מיט די קינדער נאר חומש מיט פירוש רש״י ז״ל און מיט די פירושים פון די צדיקים וואס מען ווייס געוויס אז זיי זענין גיוועזין צדיקים אבער די נייע פירושים וואס שטייט נישט אויף זיי קיין הסכמות פון צדיקי הדור טאר מען נישט לערנין אין זייא ומכש״כ נאך אין די ביכער און צייטונג ווייל עס גיפונט זיך דארטין אפיקורסית טאר מען נאר נישט אריין קוקען אפילו דיא זאכען וואס שמוסען פון וועלט זאכען איז אויך א איסור.

מיר ווילין דא שרייבען די אלע בריעף וואס די צדיקים האבען ארויס גישריבען אויף די וועלט ווי גרויס דער איסור איז צו לייענען די ביכער און צייטונג סיי אויף לשון קודש סיי אויף זשארגאן טאר מען נישט האלטען אין שטוב ומכש״כ לייענען די בריעף זענען שוין גידרוקט אין דעם ספר אמת ואמונה שוין עטליכע יאהרין יעצט וועל איך שרייבען און מעתיק זיין דיא בריעף אויף אונזער לשון כדי אלע זאלין קענין פארשטיין ווי ווייט גרויס דער איסור איז דער וואס האט אין זיך נאך א פונק פון יודישקייט וועט אוודאי צו הערין די טבע איז פון פייער אז עס איז נאך דא א פונק קען מען אויף בלאזען עס זאל זיין א גרויסער פלאם נאר אז ח״ו אז עס איז שוין אין גאנצען אויס גילאשין

נילאָשען אַז קיין פּונק איז אויך שוין נישט דאָ קען מען נישט אויף בלאָזען, די ביכער און די בלעטער צייטונגען קענין ח״ו אוים רעשען דעם גאַנצען פּונק פון יוד ח״ו. אַזוי ווי מיר זעהן זענען אַרוים ניגאַנגען אַסאַך מן הכלל ר״ל די וואָס זענען עוסק אין די אפיקורסישי ביכער און צייטונגען מיר קענען זעהן אפילו יעצט אויף די ערטער יודישע שטעדט וואָס עס קומט נישט צו זיי קיין צייטונגען ומכש״כ נאָך און נישט קיין מענש זאָל ברענגען די צייטונגען אַז אפילו קיין פּאָסט אויך נישט דאָ דאָרטען פיהרען זיך די מענשען מיט זייערי קינדער אַזוי ווי אונזערע עלטערין האָבען זיך גיפיהרט מיט זייער גאַנג גאַנץ יודיש און זיצען און לערנין גאַנין ערינסט און דאַוונען פרום און זיי ווייסען נישט ח״ו קיין ביכער צו לייענען זיי זעהן נישט קיין פּאַשאַרטקייט, כמאמר חז״ל אין יצר הרע שולט אלא במה שעיניו רואות, דער יצה״ר איז נישט שולט ביי דעם מענש נאָר וואָס די אויגען זעהן, אַז זייא זעהן נישט קיין ביכער צייטונג אויך פּאַשאַרטקייט נענג און אַנדערי תאוות רעות ח״ו. קען דער יצה״ר נישט ביי זיי שולט זיין, ביי זיי איז נאָך אַ כבוד און ביי די קינדער אויך אַז זיי גייען יודיש דהיינו פאות קאַפּלין גאַרטלין די מלבושים זענען אויך נישט פערענדערט ח״ו אָבער אין די שטאָדט וואָס גיפונט זיך נאָר פון אפיקורסים וואָס זיי שפּעטין אויף די חכמים ומנהגים אויף די יודישע גענג, אפילו דער טאַטע מיט דעם קינד וואָלטען זיך יוא גיוואָלט פיהרען אַזוי יודיש ווי אונזערי עלטערין, שפּעטין זיי אוים די קינדער, שעמען זיי זיך און מוזען אויך נאָך טוהן די קינדער האָבען נאָך נישט קיין שכל אַנדערש צו טוהן ביי די עלטערין איז אויך הרגל נעשה טבע, זיי זעהן זיך צו תמיד ביי אַנדערי ביז זיי ווערען נישט ביי זייערי קינדער נאָר יעדער מענש ברויך צו זיין אַ עמוד הברזל נישט אַראָפּ צוא גיין פון יודישען וועג ח״ו.

## דער בריעף איז גישריבען גיוואָרען שנת תרמ״ד לפ״ק
## ס׳איז גיחמ׳ת פיהר צדיקים גאוני ארץ זצוקללה״ה

צום קול פון שלעכטען הערינג מוט קלינגען אונזערי אויערען.

ס׳איז אַרוים גיגאַנגען פון דרוקאַרגיעס ביכער וואָס זענען פיל מיט לעסטערינג זענען מחרף ומגדף ר״ל און זיי פאַר שעמען די צדיקים וואָס ווערין אָן גערופען מלאכי אלקים און מאַכען לצנות פון גאַנצען יסוד אונזער הייליגע תורה, און זייערי פאַרשאָלטענע ביכער צו טיילין זיי צווישען דעם הייליגען פאָלק וואָס ווייסען נישט אַז אין דעם פינסטערניש טוהן זיי גיין ר״ל, זיי האָבען אַ שלעכטין גורם גיוועזין אַזוי

וויא

ווי מיר האבען גיהערט און אלעם גיוואהר גיווארין וויי צו די אויערען וואס הערין דאס לכן ווענין כבוד התורה און זיי זאלין נישט מאכען זינדיגען און מטמא זיין דעם המון עם פון אונזער הייליג פאלק וואס ווייסען נישט ווי וויט די זאך איז נוגע, זענין מיר מחויב די זאך צו מאכין וויסען צווישען אלע שטעדט דאס גרויסקייט פון דעם שלעכטיץ, צוא ווארענען יעדערין מיט אגרויס ווארעניש יעדערי מענש וואס די הייליגע אמונה שטעקט אין זיין הערץ זאל ער חס האבין אויף זיין נפש און די נפשות פון זיין גאנץ הויז גיזונד אב צו טוהן דאס שלעכטי שטרויכלינג, און אוים צו ראמען דאס שלעכטיץ פון זיין שטוב און זאל נאך פערשטיין אויב עס גיפונט זיך נישט אין זיין שטוב חלילה פון דיא ספרים טמאים הן צווישען זיין בני בית, והן ביי זיינע משרתים, און אויב ער וועט יוא גיפונען זאל ער פארברענען זיי אין פייער, זיי זאלין שוין מעהר נישט ליגען אין זיין שטוב די עבודה זרה, דעסטגלייכען דער וואס קען ווערען ביי אנדערי מענשען הן אין רב אין זיין שטאדט הן איין אדם חשוב וואס זיינע רייד ווערין צו גיהערט זענען זיי מחויב צו ווארענען די שטאדט מענשען און זיי צו שטראפין און צו ווערען מיט אלע מעגליכקייט עס זאל נישט ווערין גיזעהן און נישט גיפונען ביי קיין שום מענש מאחינו בני ישראל פון די אפיקורסישע ביכער צו זעהן נישט מתרשל צו זיין אין די זאך נאר צו ווערענעס זאל ח"ו נישט נתפס ווערין אין די זינד ר"ל דער וואס קען ווערען כו' כמו כן זענין מחויב די רבנים און די משגיחים פון יעדערי שטאדט אכטונג צו טוהן אויף די מוכרי ספרים עס זאל נישט ווערין גיפונען ביי זיי די אומווערדיגע ביכער און אויב זיי וועלין יוא האבען איז יעדערער מענש וואס ער קען נאר עפים טוהן זאל ער יאגין בכל מיני רדיפות נאר באזהרה עס זאל נישט זיין א קעגין חוקי הממשלה יר"ה, און זאל נישט לאזין די שטאדט מענשען זאלין ביי זיי קויפען קיין שום ספר ביז זיי וועלין תשובה טוהן פון דעם שלעכטען וועג און וועט אוים רוימען דאס שלעכטיץ פון זיין ספרים האנדיל, און יעדערער וואס וועט זיין א זריז מציל צו זיין יודישע נפשות פון די נעץ וואס ביי האלטען אונטער זיי, דער איז גילויבט און וועט האבען א גרויסען שכר, מיר האבען גרויס האפונג אז יעדערי מענש וואס וועט צו הערין דעם קול פון דעם כרוז מיט זיין גאנצען כח וועט ער זיך שטעלין פאר דעם אויף ברעכונג ער זאל מאכען ווידער קערין א סאך מענשען פון זינד, בזכות זה ווערין זיי גיבענשט ווערין מיט קינדער און קינדר'ס קינדער ווערין עוסק זיין בתורה הקדושה און די מצות לשמה, מיט א לאנג לעבין און מיט א גוטע פרנסה אמן אמן סלה.

אויך מיר ווארענען די מדפיסים זאלין זיין גיווארינט חלילה מהיום ולהלאה זאלין שוין נישט מעהר מאכען זינדיגען פיל מענשען מיט אזעלכע חיבורים ר"ל, און די ספרים הטמאים וואס זיי האבען

זאלין זיי שוין נישט פארקויפען קיין שום מענש, וועט זיין וואהל זייער חלק לעוה״ב.

הק׳ יחיאל מאיר ליפשיץ (הצה״ק אדומו״ר מגאסטינין)
נאום ישראל יהושע חוב״ק קוטנא
ונאום חיים אלעזר וואקס אבד״ק פיעטרקוב
הק׳ אלימלך בן הה״ק זצללה״ה (הצה״ק אדומו״ר מגראדזיסק)

ודאי איז א איסור גמור צו אלע מחברים ספרי טמאים זיי מאכין זינדיגען פיהל מענשען זייער פייער פון גיהנם וועט נישט ווערין אויס גילאשין יעדערי מענש זאל זיין גיווארינט ס׳זאל נישט ווערין גיוויזין און נישט גיפונען קיין שום רמז פון די ספרים הטמאים און אזוי א גלאבינ׳ש.

הקטן יחיאל בהרב מו״ה שרגא פייביל ז״ל (אדומו״ר הה״ק מאלעכסנדר זצלה״ה).

יעצט וועל איך מעתיק זיין די בריעף וואס אלע צדיקים הקדושים זענען גיוועזין גיחתמ׳ת אז יעדער יוד זאל עס האבען אין זיין שטוב, לכן בין איך אייך מעתיק אויף עברי טייטש לזכות את הרבים „מזכרת אמונה״ צו דערמאנען די אמונה.

א קול פון א גישריי איז גיהערט גיווארען פון די יודישע אמונה עס האט זיך מתרבה גיוועזין רשעים, וואס זיי ביי׳צווינגען מענשען אין זייער נעץ פון זייערי סיפורים צייטונג פון לצנות אויף דיא תורה זיי הילען איין זייערי פארדארבענע ווערטער און זייערי סיפורי מעשיות אין אלע פריה מארגען צו שיקען זיי אויף די וועלט מעהר ווי זאמד שיקען זיי זייערי בלעטער, דאס איז פאלין פון טויט פון דעם נחש הקדמוני צו פארטיליגען ח״ו דאס יודישקייט צווישען אונז: יעצט היליגע יודען ווי לאנג נאך וועלין מיר זיין אזוי ווי שטום פון צוא שרייען א גרוים גישריי און א ביטער׳ס אויף דעם פארלירינג פון אונזער אמונה ח״ו דאס פארכטיגע פייער טוט פלאקערען צו פארדארבען אלע גלוסטיגע זאכען ח״ו, אילט צו עטץ זאלט שוין נישט מעהר שווייגין ווארען מיר זעהן דאס פרייקייט און הפקרות איז זיך מתרבה אלע טאג מעהר צו די מענשען וואס דער יצר הרע פארבלענד זייערי אויגען מיט אסאך היתרים אז זיי מעגין לייענען, זענין מיר גיקומען צו דער לייכטען זייערע אויגען זייא צו שטעלין אויף דעם אמת, זיי זאלין גיהיטען זיין מיט די צעהן זאכען.

א) אלע מיני ביכער און מעשיות און צייטונג וואס גיפונט זיך אין זיי גירעט א בזיון אויף דברי תורה אדער גישפעט אויף דעם מנהג פון אונזערע עלטערען אדער לצנות שחוק וקלות ראש דברי זנות שיר של עגבים, דאס הייסט ספרי חיצונים, האטש עס שטייט נאר גידענקט צווישען די סיפורים אמאל פון זייערע טמא רייד טאר מען נישט לייענען אין זיי מחמת עס ווערט אין איהם אן גיזאפט איין איסור עס קען שוין נישט ארויס גיין פון איהם אזוי ווי שלמה המלך ע״ה האט גיזאגט

כל

כל באי׳ לא ישובון די אלע וואס קומען צו דעם אפיקורסית ח״ו קענען שוין נישט ווידער קערין, עס איז נישט קיין נפקא מיני׳ א קליין ביסעל אבער אסאך, און יעדערי זאל זעהן שטענדיג אכטונג צו געבין אויף זיינע קינדער אויף זיין גאנצען בני=בית ער זאל זיי דערוויטערין פון זיי, און פון די מענשען וואס טראכטען אין זייערי ביכער, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק הרחק מעלי׳ דרכך זו מינות זאלסט דערוויטערין דיין וועג פון דעם אפיקורסית ח״ו.

ב) א מענש זאל נישט זאגען איך קען מיך אין מיינע קינדער אז עס וועט אונז נאר נישט שאטין אפילו מיר וועלין טראכטען און ליינען אין זייערי ביטערי רייד, נאר פאר שטיי אליין אויב איינער וועט רעדין אויף דיין גוטען פריינד, אויב די וועסט קענען דאס ליידען און אוים הערין די וועסט א וודאי אב שרייען דעם מענש וועסט איהם ארוים ווארפען פון דיין שטוב מכל שכן די ביכער וואס רעדין שלעכטץ אויף די תורה און די הייליגע חכמים וצדיקים און אויף די יודישע מנהגים ברויך מען זייא צו פאר אומווערדיגען און צו פאר מיאוסען, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אוהבי ד׳ שנאו רע די וואס האבען ליב דעם השי״ת האבען פיינד דאס שלעכטץ, און אויב דיין הארץ גלוסט צו ליינען אין זיי איז א סימן אז עס איז דא אין דיר א שורש פורה ראש ולענה א שלעכטער וואָרציל מיטוויליג וואסער וועט אין דיר ווערין געוואקסין א שלעכטי פרי עס זאל דיך אוועק ברענגען פון די וועלט און פון יענע וועלט.

ג) עס זאל נישט ענק אב רעדין ענקערי הערצער עטץ זעהט אסאך מענשען ליינען ציטונגען אלע טאג, ווי אזוי וועל איך זיין מעהר צדיק פון זיי, זאלסט אזוי נישט זאגען, ביטרעכען דיר אויב די וועסט זעהן מענשען עסין גופטין פון שלאנגען וועסט די דען דיך נישט איין האלטען דו זאלסט נישט עסען אפילו יענע מענשען וועלין דיך פאר שעמען וויל דו עסט נישט די גופטין פון די שלאנגען וועסט די א וודאי זיי נישט פאלגען, מטראך אויף דעם לעבין פון די וועלט ביסט אזוי געווארינט, ומכל שכן אויף דעם לעבען פון יענע וועלט ברויכסטו א וודאי נזהר זיין דאס ברויך יעדער מענש צו וויסען אז אפילו מען וועט ענק ווייזין א היתר פון מאה רבנים וועלין זיי אויך ענק נישט מציל זיין פון גרוב פון גיהנם, ווארום זיי מיט נאך טויזינדער זייער גלייכונג וועלין בטל ווערין און עס וועט נישט בטל ווערין ח״ו איין זאך פון אונזער תורה הקדושה.

ד) עס איז א חיוב אויף יעדער מענש סיי אגרויסער סיי אקליינער ער זאל ווארינען זיין חבר און צו זיין באקאנטין מיט גוטע רייד זיי זאלין מקיים זיין דעם בריעף וואס דא שטייט אפילו ביז הונדערט מאהל.

ה) אויך חוץ דעם ליינען וואס איז א איסור טאר ער נישט

האלטען די ביכער צייטונג און זיין שטוב אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ולא תביא תועבה אל ביתך, זאלסט נישט אריין ברענגען קיין אומ־ווערדיגע זאכען אין דיין הויז אריין.

ו) אין ספר מחנה חיים שטייט מען האט איהם גיפרעגט אשאלה איינער האט זיך גימאכט א פרנסה פון אפיקורסישע ביכער האט ער גיענטפערט א תשובה ווען נישט איך וואלט גיזעהן וואלט איך נישט גיגלייבט אז עס איז פאר האנדין אזוי א מענש ער זאל זיך אוים זיכען א נישעפט וואס דיא טיהר נייט אין גרוב פון גיהנם אריין ווארען דער דאזיגער מענש דאס גיהנם וועט זיך אוים לאזען און זיינע זינד וועלין זיך נישט אוים לאזען, אפילו ער אליינט טוט לייגען ווערט ער נישט אנטרינען פון גיהנם ומכל שכן ער איז מכשיל הרבים אפילו זיי גיפונען זיך אויף אנאנדער ארט איז ער אויך עובר.

ז) צו שטארקען זיך זייער מקיים צו זיין מצות ציצית מיט אלע פרטים מען זאל וויסען ווער עס האט זיי גימאכט נישט סומך צו זיין מן הסתם וועט ווערין מקוים דעם פסוק ולא תתורו אחרי לבבכם וכו׳ דער וואס איז נזהר אין מצות ציצית ווערט ניצול פון מינות ח״ו.

ח) יעדערער רב און יעדער בעל דרשן זאל זעהן צו ציהען די הערצער פון פאלק מיט רעכט פערטיגע רייד ער זאל זיי דערוויטערין פון דעם ביטערין סם המות ר״ל, אזוי אויך יעדערער מלמד צו זיינע תלמידים.

ט) דער בריעף „מזכרת אמונה" זאל זיין ביי יעדערין מענש און זאל אין איהם אלע מאל לייגען און זאל געבין צו פארשטיין גוט זיין בני־בית דאס גאנצי ענין.

י) עס איז אזהרה גדולה יעדער מענש וואס ער וויל נישט צו געמען די רייד וואס מיר האבין אויבען גישמועסט מען זאל זיך נישט קריגען מיט איהם, מיט איהם צו האבין א וויכות, ווייל עס קומט נאהר נישט דערפון ארויס, ער איז נאר גורם א נצחון, דאס איז אמת אין תחילת זענען זיי אריין גיפאלין אום נעריך, נאר דערנאך עס איז שוין פון זיי אוים גילאשען גיווארען די פונק פון אמונה וואס זאלען זיי טוהן זיי זאלען נישט זינדיגען.

אונטער דעם בריעף זענען גיחתמת אלע צדיקים הקדושים איך שרייב יעצט אלע בריעף וואס דיא צדיקים הקדושים האבען גישריבען בפרטות.

# א) ערשטער בריעף

## פֿון אדומו״ר הצדיק הגאון הקדוש מגור זצוקללה״ה

די זינד פֿון די שרייבער׳ס וואָס לייקענען און די תורה און אין די חכמים און זיי שפּעטין אין אַלע הייליגע זאַכען און זיי פֿאַרשעמען די חכמים וצדיקים וואָס ווערין גירופֿען מלאכי ד׳ זייער זינד איז נישריבען אין די הייליגע תורה, עס איז גיזאָגט גיוואָרען אויף אַכאַך ערטער, וכל שכן נאָך די וואָס רעדין אָהן און פֿאַר שטויסען מענשען מיט זייערע טמא ביכער מיט זייערע סיפּורים, דאָס גיהנם וועט פֿאַר לענד ווערין, און זייער פֿייער פֿון גיהנם וועט נישט פֿאַרלענד ווערין נאָר מיר זענען נישט נעקומען משפּט׳ן די רשעים וואָס טוהן במזיד וואָס זינדיגין אין זייערע לייבער, נאָר די זאַכען וואָס גייען אַרויס פֿון דעם טמא איז אויך טמא די ביכער פֿון די אפּיקורסים וואָס זיי זענען מטמא במגע ובמשא, און ווער עס ריהרט אין זיי אָן דער איז נישט ריין ער טוהט נידערין לעבעדיגער הייט אין גרוב פֿון גיהנם ר״ל איבער דעם טוא איך שרייען צו ענק אונזערע ברידער אונזער אייגען לייב בני ישראל דיא קינדער פֿון אברהם יצחק יעקב וואָס זיי האָבען זיך מוסר נפש גיוועזין אין פֿייער און וואַסער איבער אונזער הייליגע תורה פֿאַרמיידט עטין ענק פֿון צו לייגען אין זייערע ספּורים וואָס זענין פֿול רייד פֿון אפּיקורסית און צו לייקענען ח״ו אין גאַנצען יודישקייט דער יצר הרע זאָל ענק נישט אָן נאַרען אַז עטין ברויכט צו וויסען נייעס אוידער זאַכען ווענען מסחר וואָס זייא שרייבען אויך צו זאַמען מיט אפּיקורסית דאָס איז די עצה פֿון יצה״ר מיט די עצה טוט זיך דער יצה״ר אונטער גראָבין אונטער ענק, אָב צו נאַרען ענק אַזוי ווי אַ גנב גראָבט זיך אונטער אַ שטוב עס זאָל קיינער נישט זעהן ביז ער קומט גנב׳נען אין שטוב אַריין, אַזוי רעדט דער יצה״ר ענק אָן עטין ברויכט צו וויסען נייעס און ווענין מסחר, לבסוף זעהט עטין די טמא רייד וואָס זיי שרייבען, אונזערי הייליגע אבות האָבען אויס גישטרעקט זייער האַלדז זענין גיוואָרען נישחט׳ען און גיהרגית גיוואָרען זיי האָבען פֿאַר מיאוסט אין זייער לעבין זיי זאָלען הייליגען שמו יתברך אויף דער וועלט קל וחומר בן בנו של קל וחומר מכל שכן נאָך ברויך מען אונז איין צוהאַלטען נישט צו לייגען אפילו עס קען אַמאָל נצמח ווערין ווענען אַ געשעפֿט צו מאַכען וואָס ער ווערט גיוואָהר פֿון דעם לייגען, דאָס איז נאָר אַ ספק צו ער וועט ווערין גיוואָהר פֿון אַ נישעפֿט און צו דאָס נישעפֿט וועט מצליח זיין, אָבער דער וואָס לייגט צווישען דעם די אפּיקורסישע רייד פֿאַרברענט ער זיין נשמה דאָס איז אַ וודאי אַ זעכער איז דאָך אין ספק מוציא מידי וודאי ברויך מען נישט צו קוקען אויף דעם ספק נאָר אויף דעם וודאי, און דאָס איז זיכער ער פֿאַרברענט זיך זיין נשמה ר״ל, לבי לבי! מיין הארץ מיין האַרץ

אויף

אויף די גישלאגינע אויף די יודין וואס זיי זענין גיפאלען מיט זייערי שארפע שווערד, וואס איז אזוי ווי אאויסגיצויגינע פייל זייער צונג, וואס זיי זאגין אונזערי לעפצין איז מיט אונז ווער איז אהאר איבער אונז! איך בין פארזיכערט אין דעם היילינגען פאלק אז זייערע אויערען וועלין פארנעמען און זיי וועלין פאלגין צו אונזערי רייד זיי וועלין דער קענין דעם גרוב וואס מען האט גיגראבין צו זיי זיי זאלין ח"ו נישט אריין פאלין אין דעם גרוב אריין און די וואס זענען אריין גיפאלען בשוגג אום געוויס אין זייער פאדלאפקע אריין וועלין תשובה טוהן צוא השי"ת און זייא וועלין ווידער קערין צום יודישען גאט און צו דיא תורה הקדושה מיט זייער גאנצין הארץ און מיט זייער נפש און פון זיין הייליג וואהנונג זאל השי"ת מעהרין שלום לעמו ישראל מעתה ועד עולם.

## ב) דעם צווייטען בריעף

פון הרב הגאון הקדוש אדמו"ר **מסאכטשוב** זצללה"ה הערט צו דאס גאנצע הויז גיזונד פון יודין.

מיר האבען גיהערט, האט גיטאהן ציטירען אונזערי לייבער עס איז שוין עטליכע יאהרען וואס האט זיך גיטאהן מעהרין אויף ברעכער'ס וואס האבין אויף גיבראכען איין אויף ברעכונג צווישען יודען און זיי דריקען אזעלכי ספרים ביכער וואס זענען מטמא אין גאנצען גוף מיט דעם נפש דער וואס לייענט אין זיי זענען פיהל מיט לעסטערינג און רעדין בייזע רייד אויף די יודישע מנהגים די היילינע מנהגים וואס זענען מקובל פון אונזערי עלטערין היילינע צדיקים פון איין שלעכטע צו דעם אנדערין שלעכטע גייען זיי ארויס צו שפעטין אויף די גאנצי תורה וואס איז מקובל איש מפי איש ביז משה רבינו ע"ה וואס משה רבינו האט מקבל גיוועזין די תורה פון השי"ת, נאך טוהן זיי מחבר

און דריקען אן אלע וואך

צו צעהן טויזינדער בלעטער, און די פראסטי מענשען מיינען אז זיי וועלין לייענען אין זיי אין שבת וועט ער מקיים זיין עונג שבת, דאס נארישע הארץ טוהט איהם גינארין ער פארשטייט נישט אז נופטין פון שלאנגען איז צווישען זיי, און ביסליך ווייס זענען זיי גורם רייד פון לצנות זאלען דערוויטערין מענשען פון דער עיקר אמונה, זעה וואס דער הרמב"ם ז"ל שרייבט מיט זיין הייליג לשון סוף הלכות טומאת צרעת, דאס איז דער דרך פון דעם זיצונג פון די שפעטער'ס רשעים און תחילת מעהרין זיי צו רעדין נארישקייט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דאס קול פון א נאר איז מיט אסאך רייד, איבער דעם קומען

זיי

זיי צו רעדין שאַנד אויף די צדיקים אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק עס זאָל שטום ווערין די פֿאַלשי ליפּען וואָס רעדין אויף דעם צדיק שטאַרקי רייד, איבער דעם קומען זיי דערנאָך צו רעדין אויף די היילינגע נביאים זיי פֿאַר שעמען זייערי רייד און איבער דעם קומען זיי צו רעדין אויף השי"ת און לייקענען אין איהם רח"ל אַזוי שרייבט דער היילינגער רמב"ם. איבער דעם איז געוואָרען גרויס דאָס שטרויכלונג מען קען נישט דער שרייבען בכתב, דאָס לאַנד איז געוואָרין זייער פֿאַרדאָרבען אפילו ביי די פֿעלקער געפֿונט זיך נישט אַזוי פֿיל ביכער אַזוי ווי די דאָזיגע וואָס זיי צו שפרייטען צווישען אונז, אַלע טאָג איז ערגער ר"ל חאָטש די זאַך איז נישט קיין נייעס עס איז שוין אַ לאַנגע צייט וואָס זיי זענען מכשיל הרבים מיט זייערי ספורים, נאָר די היינטיגע צייט האָבען זיי געטאָהן מעהר פֿאַרדאַרבען און פֿאַרשניידין ח"ו דאָס גאַנצי פֿאָלק זיי האָבען אָן געהויבען צו דריקען אויף עברי טייטש, זייער כוונה זייער רשעות איז צו פֿאַנגען ריינע נפשות פראָסטע מענשען, ווייבער קינדער וואָס זיי ווייסען נישט צו זיין געוואָרינט צו מאַכען איין חילוק צווישען ספרים הקדושים און צווישען זייערי טמא ביכער און צייטונג מיר זענען געוואָהר געוואָרין פֿון דעם טוהט ביטערין אונזערי לייבער אויף אונזער בישטאַנד דער היינטיגער צייט איבער דעם האָבין מיר געטוהן עצות אין אונזער לייבער צו פֿאַרלעשין דאָס גרויסע פֿייער, אויף אונז איז מוטל צו מאַכין ווייסען אַז מדין הש"ס והפוסקים ומדרשים וזוהר הקדוש אויף אַסאַך ערטער וואָס זענען פֿיהל צו דער ציילין אַז עס איז איין איסור צו ליינען אין זיי און דער וואָס ליינט אין זיי איז ער מטמא זיין גוף און זיין נשמה וואָס זי איז פֿון אַ היילינגען קוואַל צו געדירען אין גרוב פֿון גיהנם לכן יעדער מענש וואָס השי"ת'ס רייד רירט אָן אין זיין הארץ און זיינע עלטערין זענין געשטאַנען אויף דעם הר סיני זאָל ער שטיין צו פֿאַרהיטען דאָס אויף ברעכונג פֿון יעדערין מענש ווי ווייט ער איז בכח צו טוהן ער זאָל אַרויס ציהען די טומאה און אויס צו ראָמען די אַלע אומווערדיגע זאַכען אויך איז מוטל דעם וואָס מענשען הערין צו זיינע רייד איז ער מחויב צו וואָרענען יעדערין מענש אַז ער זאָל פֿאַרברענין די אַלע טמא זאַכען, און ער זאָל זיי וואָרענען אַז די זאַכען איז נוגע אין זייער נפש, אויך זאָל ער זעהן אַז די דרוקער'ס וואָס דרוקען די זאַכען אַז זיי זאָלין שוין נישט מעהר מאַכין זינדיגען אַרבים זיי טאָרין נישט דרוקען קיין חיבורים וואָס זענין פֿיהל נאַרישקייטען זיי זאָלין מכשיל זיין מענשען אויף דעם זעלבען אָרט זאָלין זיי דריקען ספרי מוסר וואָס זיי זענין פֿיהל פֿון יראת ד' זיי זאָלין צו ציהען די הארצער פֿון די יודין להשי"ת און צו די מוכרי ספרים פֿון יעדערי שטאָדט אויך די אָרימע לייט וואָס גייען אַרום אין די הייזער מיט די ביכליך און די וואָס גיבען אַריין צו די מוכרי ספרים בעטען מיר אַז זיי זאָלין נישט צו העלפֿין צו די בעלי עבירות און זיי זאָלין נישט האַנדלין מיט די טמא זאַכען און

ווער

זוער עס וועט נישט פאַלגען צו אונזערע רייד און זיי וועלין יוֹא אַרוֹם גיין און שטעט צו פאַרקויפען די ביכלעך איז מוטל אויף דעם גבאי אָדער משמש פון בית המדרש וביהכנ"ס און וועלכער מענש וואָס יראת ד' ריהרט אָן אין זיין האַרץ, זאָל ער זעהן אַרוים צו טרייבען זיי פון בית המדרש זיי זאָלין נישט שטיין מיט זייער סחורה וואָרען זיי מאַכין זינדיגען מענשען, און די וואָס זענין מחבר די שלעכטע זאַכין בעטין מיר זיי זאָלין טוהן וועגען כבוד ד' עס זאָל נישט פאַרשוואַכט ווערין דירך זיי ח"ו זיי זאָלין אָב לאָזין זייער שלעכטען וועג זיי זאָלין גיין אין גלייכין וועג און מיר זאָלין זיין אַלע אַ אגודה אחת ; אַ צו-זאַמען-קניפּעניץ צו השי"ת צו דינען איהם מיר זענען מודיע די אַלע פאַר קויפער'ס און דרוקער'ס און די מחברים, זאָלין נישט האָבען קיין פאַר ענטפער מיט דעם וואָס די פרנסה זייערע איז דאָס גורם זייא זאָלין מיט דעם האַנדלין זאָלין זיי וויסען פון היינט אָן וויטער זיי זאָלין דאָס נישט טוהן דאָס איז נישט קיין שום תירוץ פאַר השי"ת וואָס ער פרובט די נירען און די הערצער פון די מענשען השי"ת קען העלפין פון אַ האַנדיל וואָס איז בהיתר אפילו מיט ווייניג געלד נישט זיי זאָלין האַנדלין מיט אַ איסור זאַך ח"ו, און דער וואָס וועט צו הערין צו די דאָזיגע רייד וועט באַשערימט ווערין פון אַלעם שלעכץ ח"ו, וואָס שטורעמט צו קומען אויף די וועלט ח"ו, און וועט זוכה זיין צוֹא אַלעם גוטען.

## נאָך האט גישריבען הצדיק הקדוש הנ"ל

הנה איך בין אַרוים גיגאַנגען פון דרך המוסר איך זאָל שרייבען פריהער פאַר אַלע גדולים, איז נישט וויל מיין גרויסקייט וואָס איז אין מיר, נאָר די חכמים האָבין גיזאָגט דער וואָס איז אַ זריז ביי פיקוח נפש איז גילויבט, מכש"כ נאָך מציל צו זיין אַסאַך נפשות פון צו נידערין אין גרוב פון גיהנם איז נישט דאָ קיין צייט צו וואַרטין אָן צו טיילין כבוד צו די גדולים, וואָרין יעדערע שעה איז אַ היזק וואָס מען קען שוין נישט צוריק חאַפּען.

## ג) דער דריטער בריעף

פון הרב הגאון המפורסם וכו' ר' חיים הלוי סלאָווייציק
שליט"א אבד"ק בריסק דליטא

דריי זאַכען האָט אַרוים גיוואַקסען פון די השכלה פרייקייט און פון די נייע צייטונגען וואָס איז גיוואָרין יעצט דאָס פאַר שטערונג פון די הייליגע תורה און דאָס פאַר שטערונג דאָס גלייכקייט די מדות אין

דעם

דעם יסוד פון דעם גלייכען מענש, און דאס פארשטערונג די שטראף רייד פון די פעטער'ס און כבוד פון די עלטערין יודין זענין גיוועזין ביז יעצט אלע איין פאלק, א הייליג פאלק, גאנץ אין די אמונה גאנץ אין די תורה גאנץ אין די יראה פאר השי"ת, אין אלע היטונג פון די הייליגע תורה און אלע טייערי מדות זענין זיי גיוועזין ריין און גאנץ און נוט יעדערים קינד איז אויף גיצויגין גיווארין אויף דעם וועג פון די תורה און יראה מיט די טייערי מדות מיט דעם גלייכין פיהרונג. אזוי איז אויף גיוואקסין דאס גאנצע פאלק די יודין וואס השי"ת האט איך מיט זיי גירוהמט נאר אין די לעצטע דורות איז אויף גישטאנען גייע שרייבער'ס און האבין אויף גיבראכין דעם גדר התורה און האבין פארשטערט אלע שטראף רייד און האבין גיטאהן מערין ביטערי רייד און אן לייקענען ח"ו דעם יסוד פון די תורה הקדושה טייל פון זייא שרייבען ארוים בפרהסיא און א טייל שרייבען זייערי רייד בהאלטין מיט זייערי קרומע מליצות, און טייל שרייבען בגלוי ובסתר צו זאמען דורך זייערי מיאוסע מעשיות זיי האבין חרוב גימאכט דאס גאנצי הויז גיזונד פון די יודין, זיי האבין אראפ גינומען דעם כבוד פון די יודין זיי האבין אויף גישטעלט קינדער און תלמידים וואס האבין נישט קיין גלייבונג און הערין נישט צו צו די הייליגע תורה ומוסר ווי מיר האבין גיזעהן אז אין אונזערי מדינות האבין זיך גיטאהן מעהרין דאס אויף ברעכונג די מויערין פון די הייליגע תורה רייד פון כפירה ח"ו ווערט גידרוקט בפרהסיא אלע זעהן די הערצער פון די יונגע קינדער ווערין פיל פון זייערי רייד דאס קינד האט נאך נישט קיין שכל פון וואס צו זיין גיווארינט, און פון וועלכע זאכען ער זאל זיך פארמיידען נישט צו לייענען, איידער ער קומט נאך צו דעם רעכטען שכל איז שוין לאנג אין איהם איין גיווארצילט דאס שלעכטיץ פון זייערי רייד, און איידער ער ווערט נאך גרוים איז שוין לאנג זיין הארץ פארפעצט און זיינע אויערען זענען שווער צו פארשטיין דאס גוטס פון דעם היטונג פון די הייליגע תורה און ער וויסט נישט אוים צו קלויבען דעם רעכטען וועג דורך דעם ווערט דאס שלעכטיץ גימערט פון איין דור צום אנדערין דור ח"ו איבער דעם האבען מיר גיטראכט מען זאל מאכען וויסען פאר יעדערין מענש כדי עס זאל וויסען דאס גאנצי פאלק צו זיין גיווארינט פון זיי זיי האבין שוין פיהל מענשען גימאכט פאלין זיי האבין נישט איבער גילאזט קיין איבער בלייבעניץ פון די מענשען וואס קומען אין זייערי טויערין אריין א מענש זאל נישט זאגין איך קען מיך אין מיינע קינדער אז וועלין זיך נישט ביהעפטין אין עי און ער האט זיינע קינדער אפילו זיי וועלין טראכטען אין זייערי שלעכטע רייד פאר וואס זאל נישט צוטערין זיין הארץ, און פאר וואס זאל נישט זיין דיא זאכען פאר מיאוסט ביי איהם אין אלע זיינע דעות, וויל זיי זענין א קענין אונזער הייליגע תורה, א חוץ דעם וואס קומט ארוים שלעכטין פון דעם ברויך ער צו פאר מיאוסען דיא אלע זאכען און צו דערוויטערין

זיי ווילל זיי זענען בעצם מיאוס און שלעכטי רייד און אז ממיר זעהן אז דער מענש קערט זיך יוא צו זייערי רייד קען ער שוין נישט זיין פארזיכערט אז עס וועט זיך נישט אין איהם בייהעפטין דאס שלעכטיץ איבער דעם ברויך ער זיך צו שטארקין אז עס זאל זיך נישט אן איהם בייהעפטין די נגע זאל חרוב מאכין זיין גאנץ הויז אפילו דיא גרויסע מענשען וואס טראכטען אין זייערי רייד ווערט פארקלעבט זייער אויגען פון צו זעהן גוטץ און זייער שכל ווערט פארנארישט און צו מישט פון איין שלעכטץ צום אנדערין שלעכטץ טוהן זיי טרעטען מכל שכן נאך יונגע לייט און בחורים קען זיך דען א מענש איין רעדין אז ער וועט שטיין אויף מיאוסע ערטער און דער שלעכטער ריח וועט אין איהם נישט אריין גיין, דאס איז מוטל אויף יעדערין פאטער צו לערנין זיין זוהן תורה ויראה און זאל איהם געוויינען אין וועג פון לעבען צו טוהן גוטס און אוועק צו גיין פון שלעכטץ מיט דעם איז ער זוכה גוטס צו זיין נפש ביז דור דורות, אבער אז דער מענש גיט פאר זיין זוהן א מכשול א שלעכט שטרויכלונג מיט דעם טוהט ער איהם אוועק נייגען פון דעם לעבדיגען וועג, א חוץ דעם שאדין פון זיינע גיבורט ביז דור דורות דאס איז א פארלירונג אויף אייביג הייסט ער נאך ער מאכט זינדיגען זיינע קינדער און קינדס קינדער ווי גישריבען צו דעם פאר שעמונג איבער דעם זייט עטץ גיהיטען די אלע רעכטפארטיגע און היינט אפ אייערי קינדער פון די דאזיגע פארקרימטע וועגען וואס אז איינער קומט צו זיי קען ער שוין נישט זיך אום קערין און אז עטץ וועט ענק אך היטען וועט עטץ זיין פארזיכערט אז קיין שום שלעכץ ח״ו וועט נישט זיין ווי עטץ וועט ענק קערין און ענק וועלין זיין גיבענשט צווישען דיא יודין.

## ד) דער פירטער בריעף

פון הרב הגאון המפורסם וכו׳ ר׳ יוסף דוב בער הלוי אבד״ק בריסק זצללה״ה.

אזוי ווי עס האט זיך גיטאהן מעהרין אין די דאזיגע צייטען סיפורי מעשיות וואס ווערין גידרוקט אויף לשון זשארגאן עס איז נישט דא אין זיי קיין שום תועלת נישט קיין חכמה נישט קיין מדע נישט קיין לערנעכין זאכען פון דיא מדינה די אלע זענין פיהל נארישע רייד אריין צו ברענגען אין הערץ פון די קינדער א רוח פון זנות און זייא פאר דארבען אלע גוטע מדות עס איז א ודאי מוטל די אלע וואס שטעקט אין זייא א פונק פון ליבשאפט צו זיין הויז געזונד ער זאל אכטונג געבין זיי זאלין נישט ווערין בייצווינגען אין זייער נעץ פון דיא אפיקורסים און מען זאל זיי ווארענען זיי זאלין נישט ליינען אין זייא

זיי וועלין זיין זייגע קינדער א רעכטפארטיג און אגיבענטשט דור,

## ה) דער פינפטער בריעף

### פון הרב הצדיק המפורסם וכו' כקש"ת מו"ה מרדכי יוסף לייגער שליט"א מראדזין·

הן אין די דאזיגע טעג האבין מיר גיזעהן אז דאס בייששטאנד פון יודישקייט האט אראפ גינידערט וואונדערליך דער עיקר סיבה איז ווייל זיי גייען נאך זייער תאות און וואס זייער הארץ באגערט עס איז נישט גינוג פאר זיי וואס זענין עובר אויף די מצות פון די תורה בסתר נאר מיט זייערי בייזע גידאנקען און זייער שלעכט הארץ גייען זיי ארום אגאנצען טאג צו טוהן זייערי מעשים בפרהסיא צו ווייזין אז זיי טוהן במזיד פאר אלע מענשען, און דאס איז אויך נאך נישט גינוג פאר זיי זייער יצר הרע האט מורא טאמער וועלין זיך די מענשען מיישב זיין תשובה צו טוהן און ווידער צו קערין פון זייערי שלעכטע וועגען האט דער יצר הרע גיפונען צו זיי א גרויסע זינד אז זיי וועלין עובר זיין אויף די עבירה איז ער בטוח אז דער מענש איז שוין זיין דער מענש זאל שוין נישט קענען תשובה טוהן צו השי"ת און צו די תורה, דער יצה"ר ברענגט אין זיי צו מאכען זינדיגען אסאך מענשען זיי טוהן צו שפרייטין אפיקורסישע ביכער אויף לשון קודש זיי זאלין בייצווינגען דיא יודישע בחורים אין זייער נעץ דאס איז נאך ווייניג פאר זיי טוהן זייא צוא שפרייטין אפיקורסישע בלעטיר און ביכער אויף זשארגאן זייא זאלין בייצווינגען מיט דעם די יודישע נקבות יונגע פרויען און אלטע דאס האט זיך הערשט גימאכט, אלע פריה מארגען צו שיקען זייא זייערי טמא רייד רעדין אויף די הייליגע תורה וואס עס ברענגט ח"ו לכפירה ר"ל ולפחות ווערט זייא דער דעת קאליע זיי ווילין שוין נישט צו הערין צום קול פון זייערי עלטערין און צו זייערי גוטע לערנער'ס און זיי פעלשען אין גיזעץ פון די ממשלה יר"ה כמעט עס איז נישט דא קיין שטאדט עס זאל זיך נישט גיפונען פון די דאזיגע מענשען וואס צו שפרייטין די ספרי חיצונים אויף לשון קודש און אויף טייטש=זשארגאן דער המון עם וואס האבין נישט גיוויסט קיין שום שלעכטין איידער זיי האבין זיך מחבר גיוועזין צו די דאזיגע מענשען איידער זיי האבען גילייענט אין זייערי ביכער נאר דערנאך ווי זיי האבין זיך מחבר גיוועזין מיט זיי און האבין נאר גילייענט אין זייערי ביכער א ווארט זענען פיהל מענשען דערשלאגען גיווארין און עס האט זיך גימערט דאס שטרויכלונג, יונגע טוהן פאר שעמין די עלטערין דער זון שטעלט זיך א קעגין זיין פאטער און א טאכטער קעגין איר מוטער א שנור קעגען איהר שווינגער

דער

דער זוהן שעמט זיך נישט פֿאר זיין פֿאטער ווי לאנג נאך וועט זיין דאס צו א שטרויכלונג איבער דעם זענין מיר ניקומען יעצט מודיע זיין אין אלע שטעדט זיי זאלען קומען העלפֿין דעם איבערשטענס פֿאלק יעדערער זאל ווארענען זיינע קינדער יעדערי מלמד זיינע תלמידים זיי זאלין זיך דערווייטערין פֿון דעם אזוי ווי אונזערי הייליגע חכמים האבין געזאגט עס שטייט אין פסוק הרחק מעלי' דרכך, זאלסט דערווייטערין פֿון איהר דיין וועג דאס איז אפיקורסים ר"ל זיי זאלין חס האבין אויף כבוד השי"ת, און זאלען זיין בגלייבט צום ממשלה יר"ה יעדערי זאל אכטונג געבין אויף זיינע קינדער'ס פֿיהרונג ער זאל זיי פֿיהרען אין וועג פֿון אונזערי הייליגע עלטערין מיט דעם וועלין זיי נרייכען דעם וועג פֿון לעבין זיי וועלין זוכה זיין לחיי עולם הבא ותבא עליהם ברכת טוב.

אור ליום ו' עש"ק ויחי תרס"ד לפ"ק.

## ו) דער זעקסטער בריעף

פֿון הרב הצדיק וכו' מסאקאלאוו כקש"ת מוהר"ר יצחק זעליג שליט"א.

אזהרה ומודעה רבה לאור ייתא!

אחינו בני ישראל! דאס השי"ת'ס פֿאלק וואס האט אונז אויס דערווילט פֿון אלע פֿעלקער און האט אונז ניגעבין תורת אמת אונז האבען מיר מקבל גיוועזין אויך אויף אונזערי קינדער אויף איביג, און פֿון דענסמאל אן ביז היינט האבין זיך מוסר נפש גיוועזין אויף די הייליגע תורה עס איז גיווארען פֿארגאסען זייער בלוט אזוי ווי וואסער אין פֿייער און וואסער זענין מיר ניקומען אום מיט גרוים ליבשאפֿט אזוי ווי די גרעסטע תענוגים, לכן ווער עס איז צו השי"ת זאל זיך אן גוירטין אזוי ווי א גבור זיינע לענדען, ער זאל דערוועקען קנאה קנאת ד' צבאות וועגען די פריצים וואס שרייבען רעדעכץ אויף די הייליגע תורה זיי האבין מחבר גיוועזין אזעלכע רייד צו פֿארמיאוסען ח"ו די זאג פֿון הייליגען בשעפֿער, זיי זאגען פשטים אין דיא תורה שלא כהלכה זיי זאגען דרשות פֿון נארישקייטען זיי האבען חרוב גימאכט די וועלט מיט דעם לשון וואס די וועלט איז בשאפֿין גיווארין זייא זאגין מיר וועלין זיך שטארקין מיט אונזערע לעפֿצען ווער איז א האר צו אונז אויך די גימיינע רשעים וואס לשון הקודש איז פֿרעמד צו זיי טוען אויך זייערי צונגען ארום נייען אויף די וועלט מיט לשון זשארגאן אן צו רעדין און צו פֿארשטויסען די יונגע קינדער מיט פֿאלשי דעות צו פֿארד[illegible]בין דעם השי"ת'ס ווייל נארטין קליינע קינדער וואס האבין נאך נישט קיין שכל חכמה ודעת, המון עם, בעלי מלאכות, וואס גייען

שטענדיג

שטענדיג צו זייער גאנצקייט, פיהרען זיי אזוי ווי א שעפס צו דער שחיטה זיי פאלין אין זייער נעץ אריין און ווערין בפצוונגען אין זייער פאדלאפקע אריין איבער אלעם ווייבער וואס זייער דעה איז גרינג צו איבער רייידען טוהן זיי אריין ווארפען א גיפט פון אפיקורסית זיי זאלין נייען נאך דעם גלוסטיגג פון זייער הערץ וואס איז צו זיי זיס צום ריכטען תכלית טוהן זיי גישט קוקען זיי טוהן נישט צו הערין זייערי עלטערין און זייערי גוטע לערנער׳ס, עס איז דא מענשען זענען זיך משתדל געלד צו פארדינען ביי די נארישע אפיקורסישע ביכער בעוה״ר איז דא מוכרי ספרים אסאך ערטער עס האט זיך גיטאהן מעהרין די נגע צרעת, די מוכרי ספרים נעמען אריין די ביכער אין זייערי האנדלין אריין און מאכין דערפון זיסע שפייזין זיי שטעלין אריין צווישען די הייליגע ספרים צו פארקויפען נאך א טייל גיפונגען זיך וואס גייען ארום אין שטובין און אלע הייף אריין צו טיילין יעדערין זיי באסין אזוי ווי איין ענדים ר״ל דאס איז איין עצה פון שמד ח״ו איז דען דא ווייניג הייליגע ספרים צו דריקען און צו פאר קויפען מזכה צו זיין את הרבים נאר זיי זינדיגען און מאכין זינדיגען מיט די אפיקורסישע ביכער לכן טוהן מיר שרייען מיט א גרויס קול אזוי ווי א שופר זעהטין וואס איז גישעהן אין אונזערי צייטען אויב מיר וועלין שווייגען די דאזיגע צייט וואס וועלין מיר טוהן ווען השי״ת וועט געבין זיין באפעהל וואס א פארענטפערונג וועלין מיר האבין, לכן הייליג פאלק לאמיר זיך שטארקין פאר אונזער פאלק און פאר אונזער הייליגע תורה, ס׳זאל נישט פארלארען ווערין דאס איבער בלייבונג פון די יודין וואס זענין מאמינים בני מאמינים בהשי״ת און אין די תורה וואס האפין צו השי״ת׳ס הילף אויך בעטען זיי בשלום מלכות אזוי ווי אונזערי הייליגע חכמים האבין גיהייסען.

טהוט׳ס ענקערי הערצער צו די דאזיגע רייד מיר זאלין זיך משתדל זיין ווי ווייט מעגליך איז אוים צו ראמען דאס דאזיגע שלעכץ צווישען אונז יעדערער מענש ביי זיין זוהן און זיין ברודער זאל אויך נישט מוחל זיין און נישט פארדעקען אויף די אומווערדיגע זאכין הן אויף די מחברים, הן אויף די מדפיסים, והן די סוחרים וואס האנדלין מיט דעם סם המות, דער מענש האט דעם דין ווי א מסית ומדיח לעבו״ם און אויס ראמען די אלע חיבורים אפיקורסישע און זייא צוא פארברענען אין פייער, דאס אש איז אויך אסור בהנאה. עס זאל נישט ווערין גיזעהן און נישט ווערין גיפונען אין א יודיש הויז, די הייליגע חכמים האבין גיזאגט א ספר תורה וואס אפיקורס האט גישריבען ברויך מען צו פארברענען מכל שכן נאך די צייטונגען וואס זענין אויסגימישט מיט אפיקורסית און די ביכליך וואס יעדערעס מאכט אן׳אנדערי אפיקורס איינער איז א כופר בעיקר ר״ל איינער שפעט אויס די רייד פון אונזערי הייליגע חכמים דער בעסטער פון זיי אמאל פיהרט ער זיך אזוי אמאל אזוי, לכן יעדערער מענש זאל זיין גיווארינט נישט צו קויפען

א ספר

א ספר וואס איז נישט מפורסם בקדושה אדער הסכמות פון גדולי הדור המפורסמים חוץ די טאהר מען נישט האלטען אויך די איינבינדערס זענען עובר אויף לפני עור, עס איז ראוי יעדערער וואס איז א ירא שמים ער זאל נישט קויפען קיין שום ספר פון א זעלכין מענש וואס געפונט זיך אין זיין האנדעל די ספרי חיצונים ימח שמם וזכרם און די וואס וועלין צו הערין וועט אויף זיי קומען אלע גוטע ברכות פון השי"ת וועלין זיין בייהעפט אין לעבעדיגען בשעפער אמן. [עס איז שוין עטליכע יאהרין וואס האבין אנגיהויבין צו דריקען וואנט לוחות צו וויסען די דאטעס פון יעדערין טאג פון חודש, אלע פריה מארגען טוהט מען אב רייסין א בלעטיל האבין זיי גיטוהן דריקען אויף יעדערין בלעטיל אויף די צווייטע זייט בלוים ליצנות ואפיקורסית ר"ל ס'ווערט גירופען וויטצען דאס רופען זיי די גוטע ווערטליך דאס איז מטמא הנפש והגוף ר"ל חוץ דעם וואס דיא תורה הקדושה שרייבט ראשית חכמה יראת ד'. אז דאס ערשטע ווי א יוד הייבט זיך אויף אין די פריה זאל ער זיין בלוים יראת ה' דהיינו זיך צו וואשען און זאגין קריאת שמע ותפלה לקבל עליו עול מלכות שמים, אזוי פיהרט זיך מיט איהם שוין א גאנצען טאג מיט בלוים יראת שמים, איצט טוהן זיי פארקערט אזוי ווי זיי הייבען זיך אויף אין די פריה לייענען זיי די וויטצען זיי מיינען אז דאס איז גוטע ווערטליך דאס איז אבער בלוים אפיקורסית ולצנות, וואס מאכין פורק זיין דעם עול מלכות שמים ח"ו. לכן זענין מיר מודיע אז דאס חמץ איז אויך אסור בבל יראה ובל ימצא: עס טאר זיך נישט גיפונען אין שטוב ומכש"כ צו לייענין דאס ברענגט צו אלע שלעכטע גידאנקען ר"ל. דער וואס ברויכט צו וויסען די דאטע פון חודש האט ער אנדערע עצות ער זאל נישט ברויכען צו לייענען לצנות ואפיקורסית ר"ל, דער וואס האט אין זיך א פונק פון יודישקייט זעהט די זאך אלעם וויא מיר שרייבען מיר זענין בטוח אז יעדערער וועט בודאי פאלגען ער זאל נישט ח"ו פארלירען זיין חלק לעולם הבא ח"ו.

## ז) דער זיבעטער בריעף

פון הרב הגאון הגדול המפורסם אבד"ק לאדז שליט"א בזה הלשון

איך האב מיך גיטאהן פרייען איך האב גיזעהן די רבנים צדיקים צוטערין וועגען כבוד ד' ית"ש און האבין ארוים גישריבען צו ווערין אז מען זאל נישט לייענען די צייטונגען און די ביכער וואס זענין פיהל מיט כפירה ר"ל און רוב פון זייערע ענינים איז בלוים הוללות ולצנות ר"ל ווי גישריבען וואס איז גיווארין אין אונזערע צייטען מען פרעגט מיך צו מען זאל דאס ארוים שרייבען און דרוקען מען זאל

זאָל נישט אַריין קוקען אין די אומווערדיגע ביכער וואָס זיי מאַכען איבער פיהרען על דעת קונו וויים איך נישט וואָס די שאלה איז אין די זאַך ברויך מען זיך נישט מיישב צו זיין דער וואָס איז אַזריז דער איז גילויבט פיל מענשען טוהט ער ווידער קערען פון זינד צום גוטען וועט ווערין גידענק זיין נאָמען מיר זענען פאַר זיכערט אין דעם הייליגען פאָלק וואָס אויבען איז גישטאַנען זיי וועלין זוכה זיין צו זעהן קינדער וואָס וועלין ציטערען צו השי״ת׳ס רייד און וועלין זיין בגלייבט צו ממשלה יר״ה אַזוי ווי שלמה המלך ע״ה האָט גיזאָגט ירא את ד׳ בני ומלך דאָס איז טייטש זאָלסט מורא האָבין פאַר השי״ת אויך אלפי אלפים ורבוא רבבות הבדלות מורא האָבען פאַר אַ מלך בשר ודם וועסט דיא גיפונען חן אין יעדערין׳ס אויגען דאָס איז אַ סימן דער ויות פון אמונה טוהט שוועבין אויף איהם ע״כ לשון הרב הגאון אבד״ק לאָדז שליט״א.

אויך איז גיחתמת הרב הגאון הגדול אדר׳ ליב חופ״ק בילסק

נאָך שרייבין די צדיקים וואָס זענין גיחתמת דאָ מיר זענין מסכים צו די אַלע רייד וואָס שטייען אויבין.

נאום ירחמיאל ישראל יצחק בהרב הקדוש וצללה״ה זי״ע (הצה״ק אדומו״ר ז״ל מאלעקסאנדער)

נאום שמחה בונם בהרב הקדוש וצוקלה״ה (ההצה״ק אדומו״ר מאטוואצק אשר מנ״כ באה״ק זצ״ל)

אַזוי שרייב הרב הצדיק הק׳ אדומו״ר מראדאמסק וצללה״ה

מיין חתימה פון אונטען טוהט עדות זאָגען אַז איך בין פון דיא מסייעים מיט מיין גאַנצין ווילען צו די וואָס טוהן אין די מצוה אין דעם טייערין ענין די בריעף וואָס זענען אויבען גישטאַנען איך זאָל זיין אויך פון די וואָס בהעלפין זיך צו די וואָס טוהן די מצוה זיי זאָלין פועל׳ן פון דעם אויף ברעכונג וואָס איז אויף גיבראָכין גיוואָרין ר״ל צווישען די וואָס האָבען נישט קיין דעת השי״ת ב״ה וב״ש זאָל העלפין צו פלאַנצען אין דעם הערץ פון אחינו בני ישראל דאָס ליבשאַפט פון די תורה ויראת שמים און זיי זאָלין צו הערין צו די רייד פון די גדולים וצדיקים.

יחזקאל הכהן בהה״ק זצ״ל מראדאָמסק

דאָס בד״צ פון ווארשא זענין אויך גיחתמת מיט דעם לשון.

באשר מיר האָבין גיזעהן די צדיקים וגאונים פון אונזערע צייטען האָבין מסכים גיוועזין אַרום צו צוימען דעם פאַרקען פאַר אחינו בני ישראל זיי זאָלין נישט אַריין פאַלען אין די נעץ וואָס האָבין פאַר שפרייט די וואָס פאַנגען ריינע נפשות מיט זייערע חיבורים וואָס זענין פיהל מיט לצנות, וזנות, ואפיקורסית, מען זאָל זיי נישט אַריין נעמען

ח״ו

ח״ו אין קיין שום אָרט אַריין · זענען מיר אַלע מסכים צו דעם און מיר חתמנ׳ן זיך ·

**שמואל זיינוויל** מו״צ דפה ק״ק **ווארשא**

**יצחק** ברי״א הכהן פיינענבוים מו״צ דפה הנ״ל

**יצחק** בהרב **משה אהרן** ז״ל מו״צ דפה הנ״ל

**ליפּמאן יום טוב** מו״צ דפה הנ״ל

**ישראל מרדכי** מו״צ דפה הנ״ל

**פתחי׳** במוהר״י הארענבלאם מו״צ דפה הנ״ל ·

איך בין אויך גיקומען חתמנ׳ן און צו הארענען מען זאל מקיים זיין וואָס אויבען איז נישטאַנען ·

נאום **ישראל** מקאצק המתנורר כעת בפּילאָב (הרב הצדיק הק׳ אדומו״ר מקאצק ובסוף ימיו בפילאב זצללה״ה) ·

איך בין אויך גיקומען מיך חתמנ׳ן צו וואָרענען על כל הנ״ל אך

**מרדכי** בן אאמו״ר הרב הק׳ מטריסק זצוקלה״ה

איך אויך וואָס בין גיחתמת אונטען בעהט זייער מאחינו בני ישראל לצוות ולקיים די ריייד פון די גאונים פון די הייליגע צדיקים וואָס האָבין אויבען נישריבען ולהשומע יונעם ותבא עליו ברכת טוב ·

דברי הבאעה״ח פה סקערנעוויץ

**שמעון** בהה״ק זצללה״ה זי״ע מווארקע

הנה ווענין דעם גרויסען ענין דעם טהייערין צו פּאַר גראַדזין דאָס אויף ברעכונג פון פּיהל אויף ברעכונג וואָס ר״ל טוהט זיך מעהרין אַלע טאָג בין איך אויך מסכים און בעהט מאחינו בני ישראל זיי זאָלין שטאַרקין און זיי זאָלען זיך משתדל זיין זאָלין מקיים זיין וואָס די גאונים וקדושים שליט״א האָבין אויבען נישריבען ·

הק׳ **מנחם** בהרב הקדוש זצללה״ה זי״ע מאמשענאוו

הק׳ **מאיר יחיאל הלוי** מאוסטראוועצי

הק׳ **אברהם** בהה״ק זצללה״ה מלובלין

**יהושע אלטער** בן כ״ק אדמו״ר מקאלשין

בן **ציון** אבד״ק ביסק

הרב הצדיק וכו׳ אדומו״ר מראדזמין, רבי **אהרן מנחם מענדיל** שליט״א האָט זיך גיחתמת אויף דעם „מזכרת אמונה״ ·

# ח) דער אכטער בריעף

## פֿון הרב הגאון הצדיק המפורסם וכו׳ מוהר״ר שמעון דוב אבר״ק שעדליץ

בני ישראל הײליגע קינדער בני אברהם יצחק ויעקב די קינדער פֿון לעבידיגען גאָט קינדער וואָס איז נאָך נישט אוים גילאָשין דאָס פֿינטעלע פֿון יודישקײט פֿון ענקערי הערצער די רײד פֿון די הײליגע תורה איז גיבליבּט אויף ענק טוהסט אַ אָרט צו די דאָזיגע רײד וואָס מיר גיבען פֿאַר ענק הײנט אַ ברכה אַז עטץ וועט צו הערין צו דעם קול פֿון ענקערי עלטערין און ענקערי לערנער׳ס וואָס באַנערין אויף ענקער גוטץ צום גוף און צו דעם נפש, מיר קומען נישט מיט נײַע זאַכען אײך צו וואָרענען, נאָר מיט רײד וואָס שטײט אין די תורה און גיטאָפּילט אין די משנה, און גידריטילט אין די גמרא, שטײט אין די תורה ולא תתורו אחרי לבבכם וכו׳ טײַטש דער ספר החינוך דאָס ענין פֿון דעם לאו איז, מיר זאָלין נישט אײַנציגען אונזערע מחשבות צוא טראַכטען אַזעלכי גידאַנקען וואָס איז פֿאַרקערט פֿון דעת התורה, וואָס די תורה איז גיבויט גיוואָרין אויף דעם דעת דאָס מוז מען מחויב צו קלערין נישט ח״ו קײן אַנדערי זאַכין עכ״ל זעהן מיר אַז די הײליגע תורה האָט אונז גיאַסרת צו טראַכטען מחשבות חיצוניות, מכל שכן נאָך צו לײנען אין די ספרים חיצונים וואָס אַלע זײערי רײד זענין פֿאַר קערט ווי אונזער הײליגע תורה, אין די משנה האָבין מיר גילערינט דער וואָס לײנט אין די ספרים היצונים דער האָט נישט קײן חלק לעולם הבא ח״ו, טײַטש דער רמב״ם ז״ל דאָס איז אַזעלכי זאַכין וואָס מאַכין פֿאַרערט דעם מענש פֿון גלײַכין וועג אויך דער וואָס איז מבזה די תורה אָדער די וואָס לערנען די תורה, אין די גמרא האָבין מיר גילערינט די חכמים האָבין גיזאָגט אויף „אחר״ וואָס איז אַרויס גיגאַנגען לתרבות רעה ר״ל, איז גיוועזין בשעת ער איז אויף גישטאַנען אין בית המדרש פֿון לערנין איז אַרויס גיפֿאַלין פֿון זײַן שויס אַסאַך ספרי אפיקורסית ר״ל האָטש ער איז גיוועזין אַ צדיק גמור ער איז גיוועזין גירעכינט צווישען די גרויסע תנאים וואָס זענין גיגאַנגען אין הימעל אַרײַן קלערין סודות התורה פֿון דעסט וועגען דורך די ספרי מינים האָט ער אַראָפּ גינידערט פֿון זײַן מדריגה יעצט אַז עטץ זעהט בײַ אַ זעלכין מענש האָט זיך דאָס גיטראָפֿין ווײַל ער האָט אַרײַן גיקוקט בספרי חיצונים מכל שכן נאָך בײַ אַזעלכי מענשען וואָס זענין גירעכינט קענין איהם אַזוי ווי גראָז וואָס איז צווישען די ווענט, אין דעם ספר פנים יפות ווערט גיברענגט אַ תורת כהנים ר׳ יהודה אומר ר׳ יהודה זאָגט אל תפנו לראותם עטץ זאָלט ענק נישט קערין צו זעהן די עבודה זרה איז דער פשט אַ מענש זאָל נישט זאָגען ווײַל ער ווײַסט אַז די עבודה זרה האָט נישט קײן ממש וועט ער הועלין זעהן כדי ער זאָל מבזה זײַן די עבודה זרה, אויף דעם האָט די תורה גיוואָרינט צוא דער=

ווייטערין

וויטערין זיך פון די טיהר וואס איז דארטען עבודה זרה, אזוי אויך קענין לייגען ספרי אפיקורסים חאטש ער ווייסט דאס איז נארישקייטען פון דעסט וועגין שאט עס דעם מענשען וואס קוקט אריין אין זייא, יעצט ווער איז דער יוד וואס זאל נישט קיין מורא האבין און ציטירין פאר די אזהרה פון אונזערי הייליגע תורה און אונזערי הייליגע חכמים זכרונם לברכה צו דערוויטערין די ספרי הטמאים ספרי חיצונים פון זיין הויז, און ער זאל נישט אין זיי אן ריהרען אפילו ער זאל גאר נישט לייגען האט די תורה אונז גיווארינט ולא תביא תועבה אל ביתך זאלסט נישט ברענגען א אומווערדיגע זאך אין דיין הויז אריין, לכן זענען מיר גיקומען מודיע זיין אין אלע שטעדט און אלע ערטער זיי זאלין קומען צו העלפין, שטארקט זיך אייך אין וועג פון אונזער הייליגע תורה, יעדערער מענש זאל אכטונג געבין אויף זיינע זוהן און זיינע טעכטער מיט א שטארקי השגחה, אזוי אויך די מלמדים צו זייערי תלמידים אז זיי זאלין זיך דערוויטערין פון דעם אזוי וויט ווי א בויגין שיסט, זיי זאלין זיין גיווארינט עס זאל זיך נישט ביי זיי אן קלעבין פון זייערי פרעמדי זאכין וואס פאר דארבין דעם גוף מיט דעם נפש זיי זאלין חס האבין אויף'ן כבוד פון השי"ת, און כדי יעדערער מענש זאל גידענקען די זאכין וואס מיר האבין גישריבען יעדערער מענש זאל אריין נעמין אין זיין שטוב אריין דעם „מזכרת אמונה" ער זאל מזכה זיין זיינע בני בית זאלין וויסען דעם וועג וואס גייען אין איהר וואס זייא זאלין וויסען צו טוהן מיט דעם ווערין זיי גרייכען דעם וועג פון לעבין, און וועלען זוכה זיין לחיי עולם הבא ותבא עליהם ברכת טוב.

**שמעון דוב** בהר"א ז"ל אבדק"ק שעדליץ.

דער בעל מחבר חפץ חיים ומשנה ברורה שרייבט מיט אזוי א לשון.

ליעבע הייליגע יודין מיר שרייבען דא זייער א וויכטיגע זאך, וואס דאס בילאנגט צום גאנצין יודישען פאלק מיט די הייליגע תורה די גאנצי יודישקייט בישטייט אין חינוך הבנים דאס הייסט מדריך זיין אונזערי קינדער אין די יודישע וועג. לערנען מיט זיי דעם הייליגען חומש, די הייליגע תורה ומצות וואס השי"ת האט אונז גיגעבין אויף דעם בארג סיני, און האט אונז פאר זאגט מיט אזהרות כפולות, אז מיר זאלין היטען דעם פונדאמענט צו לערנען די תורה מיט אונזערי קינדער מיט דעם פירוש וואס מיר האבין מקבל גיוועזין פון משה רבינו ע"ה [דאס איז דער ש"ס וואס מיר האבין, דאס רופט מען תורה שבעל פה] און אזוי האבין אונזערע עלטערין מדריך גיוועזן זייערע קינדער פון דור דור מען האט גילערינט מיט די קינדער דעם הייליגען חומש מיט רש"י [אין רש"י איז דא דער ביאור פשט פון גאנצין ש"ס] וואס דאס קינד איז בעקאנט גיווארין דורך דעם אין אלע מצות פון דער תורה אלע ניסים ונפלאות וואס השי"ת האט אונז געטאן, [און דאדורך זענען זיי גיווארין ערליכע גיטרייע יודין צום יודישקייט און

צום

צום לאנד און צו דער פראוויטעלסטווא ווי זיי זענען געווען און איצט בעוה"ר האט מצליח געווען מעשה שטן אפ ווענדין די יודישע קינדערליך פון די היילינע תורה רח"ל. אנשטאט חומש לערינט מען מיט די קינדער מעטאָדעס א פסוק חומש איז אריין געמישט מיט א פולע פוסטע רייד, וואס ביי דעם קינד איז גאר נישט קיין אונטערשייד פון דעם חומש וואס איטליכעס ווארט איז די רייד פון דעם לעבעדיגען באשעפער השי"ת וואס האט די וועלט בעשאפין צווישען די פוסטע רייד, און מען היפט מיט איהם איבער אלע היילינע מצות פון דער תורה. און עס בלייבט ביי איהם די תורה מעהר נישט ווי איין היסטאָריע ר"ל, און זיי וויסען נישט די התחייבות וואס ליגט אויף דעם יוד טייל לערנין יוא עפים חומש פאַרהיפירען זיי גאנץ ספר ויקרא און נאך אזעלכי פרשיות פון די היילינע תורה וואס געפעלט זיי נישט צו לערנען, דער עיקר מיינען זיי די מעטאָדעס די מעשיות אוי ואבוי וואס פאר א אומגליק דאס איז, זיי וועלין מאכין פארגעסין פון יודין חלילה דיא היילינע תורה מיט איהרע מצות, די קינדער וועלין דאך אלע בלייבין בורים, זיי וועלין ניט וויסען אפילו דעם איסור פון חלב, און פון בשר בחלב און נבלות וטרפות און נאך אנדערי הארבע עבירות, דהיינו דעם איסור פון נדה און פון אלע עריות, און דעסט גלייכין אפילו די מצות וואס יודין זענען אין זיי געוואָהנט דהיינו תפילין און ציצית און מזוזה וועלין זיי דאס האלטען פאר היילינע מנהגים, ווארום פון וואנען זאלין זייא וויסען אז דאס שטייט אין די היילינע תורה, על כן ליעבע יודין האט רחמנות ברידער אויף זיך מיט אייערי קינדערליך, זאל ביי זיי חאטש בלייבען אין הארצען דער חומש מיט רש"י, וואס דורך דעם וועלין זיי וויסען די עיקרים פון די מצות פון די היילינע תורה, און טרעט ניט אפ פון וועג וואס אונזערי עלטערין האבין זיך געפיהרט פאר געסט ניט אז דאס איז דער גאנצער וואונש פון איין יוד, זיינע קינדער זאלין יודין בלייבען, און זייט מקיים די מצוה וואס מיר זענין מקבל אלע טאג אין קריאת שמע ושננתם לבניך ולמדתם אותם את בניכם וגו', און בזכות די גרויסע מצוה פון תלמוד תורה לבנים, וועט אונז הקב"ה ארויס העלפין פון אלע נויטען און דער זכות וועט אונז ביי שטיין בעוה"ז ובעוה"ב.

אויך היילינע יודין עס איז אגרויסער חוב זעהן פאר דעם קינד א רבי'ן [א מלמד] וואס זיין איינענער פיהרונג איז עפ"י דרך התורה און דענסטמאל קען ווירקען זיינע רייד אויף דעם קינד אויך, און ער זאל איהם געוויינען א ברכה מאכין, בענטשין, ענטפערין אמן יהא שמי' רבה, און דאווינין שחרית, מנחה, און מעריב, און קריאת שמע ליינען, נטילת ידים באלד ווען ער שטייט אויף פון בעט ער זאל נישט גיין קיין פיער איילין פאר דעם וואשען, אויך נטילת ידים צום עסין ציצית כשר'ע, וכדומה, אויך פאר זאגין איהם פון חילול שבת איהם צו ווארענין שטרענג ער זאל ערליך האלטען טאטע און מאמע, און

דרך

דורך ארץ האָבין פיר יעדען עלטערין מע״ש און היטען זיך פֿון גנבת און פֿון אַ״ע מדות רעות און זיין ערליך צו יעדערין, ווארום וואס דאס קינד געוואוינט זיך אין דער יוגענד איין אין אַ גוטען פֿיהרונג בלייבט ביי איהם אויף אייביג ווי דער פסוק זאָגט חנוך לנער עפ״י דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנה, עד כאן.

און דער ספר צרור החיים שרייבט אזוי, זאָלסט וויסען די געליבטער לייענער, דער פאַטער און מוטער וואס טראַכטען אַז זיי האָבין ליב זייערע קינדער מיט אַגרוים ליבשאַפט און באמת האָבין זיי פיינד אַ גרויסע שנאה, אויף דעם האָט עדות געזאָגט שלמה המלך דער חכם פֿון דער גאַנצער וועלט חושך שבטו שונא בנו ואוהבו שחרו מוסר, דאָס איז טייטש דער וואס פאַר מייד זיין רוט פֿון זיין קינד האָט ער איהם פיינד, און דער וואס האָט ליב זיין קינד טוהט איהם פאַרשטין אַלע פריה מאַרגען מיט שטראָף רייד, איבער דעם זענין מחויב פאַטער און מוטער אָן צו שרייען אַ קליין קינד אַז עס טוהט אַזאך וואס ס'איז נישט גלייך פֿון די צייט וואס דאס קינד קריגט נאר שכל צו פאַר שטיין און צו פֿיהלען דעם גישריי פֿון פאַטער און מוטער, נישט צו לאַכען פאַר דעם קינד און איהם צו ריהמען אַז ער טוהט אַ זאך וואס איז נישט גלייך צו טוהן, זאָגט ער דאָס איז אַ חכמה פֿון דעם קינד ער ווייסט שלעכטיץ צו טוהן נישט קיין נוטס, און זיי לערנין דיא קינדער צו רעדין נאַרישקייטען מיט גילעכטערין מיט שפּעטינג, אויף דעם וואס זענין מחויב צו לערנין תורה און הייליגע אותיות התורה זאָלין זיין גיוויינטליך אין זיין מויל ביז ער זאָל איהם גיוויינען דעם פסוק שמע ישראל באלד ווען דאס קינד ווערט אַנטוויינט פֿון דיא מוטערס מילך נישט צו טוהן דעם רצון פֿון קינד צו פאַרדאַרבין צו צוברעכין אַלע כלים פֿון טיש מען גיט איהם אַ ספר צו שפּילין זיך דערמיט, ס'צורייסט די הייליגע אותיות ושמות הקדושים עס ווארפט אַוועק אויף די ערד ער נעמט מיט גאר די קליינע קינדער אין שוהל אריין זאָלין צו מישען מענשען בשעת דעם דאַווינען, דורך זיי קען מען נישט דאַווינען אָפט מאל טוהן זיי משתין זיין אין און ריכטען זיך אָן און וויינען דורך דעם צומישען זיי די מענשען וואס שטעהן נעבין זייא, אפילו אין דרך ארץ וואס ווערט גיפֿיהרט צווישען די אומות העולם, פֿיהרען זיי אויך נישט זייערע קינדער, דאס קינד זיצט ביי דעם טיש מיט זיין פאַטער און מוטער, און שטרעקט פֿויער אַרוים די האַנד צום עסין פֿויער פאַר אַלע דורך דעם ווערט דאס קינד אויף גיוואַקסין אָן מורא און אָן דרך ארץ גלייך פאַטער און מוטער זענין מיט איהם ברידער אָדער חברים, דערנאך דאס קינד ווערט אַלט אַכט אָדער ניין יאָהר וויל דער פאַטער און מוטער פראַכטען וואס האָבען קאַליע געמאַכט, און קענען שוין נישט פראַכטען וויל ביי די קינדער איז שוין גיוואָרין הרגל נעשה טבע, און אַז זיי ווילין נישט געבין וואס ער וויל טוהן זיי שעלטען פאַטער און מוטער גלייך זיי וואָלטען נאר

נישט

נישט געוועזן זייער'ס, ווער איז שולדיג אין דער זאך? דאס ליבשאפט פון פאטער און מוטער מיט זייער רחמנות שלא לשם שמים, דורך דעם וויל זיי האבן פארמיטען די מורא און מוסר פון זייערי קינדער קליינער=הייט, דורך דעם איז זייער רחמנות פארקערט געווארין צו שנאה ואכזריות, איצט דאס קינד איז גרויס ווארפט ער א מורא ופחד אויף די פאטער און מוטער, זיי האבין שוין נישט קיין כח צו שטראפין איהם וויל זיי האבין מורא פאר איהם טאמער וועט ער ח"ו ארויס גיין פון כלל ר"ל, א מענש טוהט זיי פרעגין פאר וואס טוהט עטץ פאר מיידען מוסר פון די קליינע קינדער. ענטפערין זיי מיר האבין מורא פאר דעם קינד טאמער וועט ער ח"ז שלאף ווערין און וועט חלילה שטארבען, אבער באמת איז דאס ליגינט די תורה האט גיזאגט כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך, אז די וועסט ערליך האלטען פאטער און מוטער וועסטו לאנג לעבין, זיי זענען אליינט גורם צו זייערי קינדער זאלין קומען לידי חיוב מיתה חלילה ווארען דער וואס שעלט אדער שלאגט פאטער און מוטער איז ער מחויב מיתה, ובפרט מיר זעהן א סאך קינדער וואס האבען נישט קיין שום טום און זייערי עלטערין טוהן זיי גענוגען וואס זיי פארלאנגען און שטארבין אויך ר"ל זעהט מען דאך אז נישט די שטראף רייד מיט דעם מוסר איז גורם דעם קינד מיתה חלילה אויך נישט די גרויסע מענשען נאר די זינד טייטען דעם מענש אויך טייל מענשען זענען זיך מתנצל און זאגען וויל דאס קינד איז בטבע שלעכט, וועט איהם נישט פועל'ן קיין שטראף רייד.

שטייט אין פסוק וואס שלמה המלך ע"ה האט גיזאגט, אולת קשורה בלב נער שבט מוסר ירחיקנה ממנו, דהיינו חאטש די שלעכטי טבע איז אן גיקנופט אין הערץ פון דעם קינד, פון דעסט וועגין מיט די רוט פון מוסר ווערט דערוואטערט דאס נארישקייט פון איהם נאך האט שלמה המלך ע"ה גיזאגט חנוך לנער עפ"י דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנה דער חכם שלמה המלך ע"ה האט גיזעהן וואס וועט ארויס קומען פון דעם וואס מען פאר מיידט שטראף רייד פון זיינע קינדער, האט ער גיוואָינט אז מען זאל זיי קעסטיגען מיט גירעכטיקייט נישט ח"ו זיי צו שלאגין טבות אכזריות צו טייטין זיי חלילה, דורך דעם וועט ער זיי גיוויינען אב צו טוהן זייער שלעכטי טבע, אבער אז פון קליינער הייט וועט ער נישט גיוויינען זיינע קינדער מיט מורא ומוסר איז נישט גינוג אז זיי ווע'לין נישט ליב האבען פאטער און מוטער, נאר ער וועט נאך גוטר שנאה זיין און וועט נישט אן טיילין זיי מורא וכבוד, און אזוי וועט ער זיך פיהרען קעגין השי"ת דער פאטער פון דער גאנצער וועלט עס וואלט איהם גלייכער גיוועזין אז ער וואלט נאר נישט באשאפין גיווארין און נישט אויף גיוואקסין גיווארין, איידער ער זאל מורד זיין באביו ואמו, יבאביו שבשמים, איצט הערט צו און זאלסט וויסען אז די שטראף רייד צו קינדער ברויך צו זיין בישוב הדעת על פי הרוב

מיט'ן

מיט'ן בלויסען זיסקייט פון זיין לשון קען דער פאטער ווארפען א מורא אויף זיינע קינדער ובפרט אז זיי זענען בעלי מזג טוב איידילע קינדער איז אמאל בעסער א גישריי ביי אזעלכין וואס פארשטייט, איידער צו שלאגין א נאר הונדערט קלעפ. מיט דעם וואס ער ווייזט אז ער איז מיט דעם קינד גלייך ווי ער איז מיט איהם ברוגז איז שוין נינוג איידער ער זאל איהם שלאגין חילילה א קלאפ צו טייטען איהם, מיט זיין גרו"ס צארין מיט זיין כעס, אויף דעם ארט וואס איז דא כעס ורוגז איז השטן מקטרג ח"ו.

אונזערי הכמים האבין גיזאגט אז א מענש זאל נישט ווארפין צו פיהל מורא אויף זיינע הויז מענשען, אויב אז ער ברויך צוא ווארפין א מורא ווענען א תיקון עפים צו רעכט מאכין אין זיין הויז, אדער אויף תלמידים אדער אויף שטארט מענשען זאל ער מאכין מיט א שטורעם מיט א קול גלייך ווי ער וואלט זיך גיבייזערט, אבער באמת זאל זיין דעה מיושב זיין אויף איהם, ער זאל זיין גיווארינט פון קללות צו געבין זיינע קינדער און זיין בני בית אויב זיי טוהן נישט קיין גלייכע זאכען זאל ער זיי שטראפען מיט גוטע ווייכע רייד וואס ציהט צו דאס הארץ צום השי"ת'ס דינסט, דער עיקר גידול בנים מיט יראת ד' ית' ווענט זיך אין נשים צדקניות, ווארען די עלטערין זענען שטענדיג פארטוהן נאך צו זוכען זייער פרנסה, און דיא לומדים זענען פאר= טוהן אין לערנין קענין זיי נישט אכטונג טוהן אויף זייערי קינדער נאר די מוטערס זי איז שטענדיג אין די הויז און האט גענער צייט איז מוטל אויף איהר אכטונג צו געבין אויף גידול בנים, וחכמינו ז"ל זאגין די אשה איז עיקר זוכה צו עולם הבא ווייל זי פיהרט איהרע קינדער אין חדר אריין, און ווארטען אויף זייערי מאנען ביז זיי קומען אהיים פון לערנען) עס זאל זיין שלום בבית בין איש לאשתו איז א ברכה אין שטוב, און השי"ת מאכט רוהען זיין שכינה צווישען זיי און זענען מצליח אין זייער גישעפט און זענין זוכה צו גוטע קינדער יראי השם יתברך אין היטען די תורה, און זייער זכות זאגט די גמרא ברא מזכי אבא א קינד קען מזכה זיין פאטער און מוטער, אויך איז א שלעכטער מנהג ווען מען פיהרט דאס קינד אין חדר אריין גייט דער פאטער און מוטער מיט און זענען מתרה דעם מלמד דאס קינד זאל הערין אז דער מלמד זאל איהם נישט שלאגין, און אז דאס קינד הערט אז דער מלמד האט איהם נישט קיין רשות צו שלאגין גיט ער שוין נישט אכטונג ביי דעם לערנין, און מעהרט נאך שלעכטקייט אויף זיין שלעכטקייט פון לאנג, אבער דער מנהג פון פארצייטענס איז נישט אזוי גיוועזין נאר ווי דאס קינד איז אהיים גיקומען וויינען פאר דעם פאטער און מוטער אז דער מלמד האט איהם נישלאגין האט מען גינעבין אין קינד א מתנה ער זאל אליינט פיהרען דעם מלמד די מתנה און צו דעם קינד האבין זיי גיזאגט א יישר כח דעם מלמד פאר דעם וואס האט דיך נישלאגין און מען וועט שטענדיג נעבין א מתנה דעם מלמד פאר דעם אפילו אפרעמדער מענש האט נישטראפט אין די גאס וועלכעס קינד ווייל

ער

ער האט ארום פארפיהרט, אבער ער האט גישלאגען א נאנדער קינד, אז דער פאטער איז גיוואהר גיווארין פון דעם האט ער מחזיק טובה גיוועזין דעם מענש, און האט גיזאגט דעם מענש אז ער זאל שטענדיג אזוי טוהן. און די איצדיגע צייטען אז דער מלמד שטראפט און שלאגט דאס קינד, גייט דער פאטער און שלאגט דעם מלמד. און נעמט אוועק פון איהם דאס קינד, און אז דער מענש איז א פרעמדער מכל שכן טוט ער זיך מיט איהם קריגען, און זאגט צו איהם ווער האט דיך גיבעטען פאר א האר איבער מיין קינד, די תורה האט גיזאגט א מענש איז מחויב אין כבוד און מורא פון רבי'ן מעהר פון זיין פאטער ווייל דער פאטער ברענגט איהם צום לעבין פון די וועלט און זיין רבי ברענגט איהם צום לעבין פון עולם הבא, ממילא איז פון דאנעט גידרונגען אז א מלמד איז מחויב מדריך צו זיין זיינע תלמידים נישט בלוים לערנען ווארען דער עיקר איז דאס טוהונג וואס שטייט אין די תורה ווי אזוי צו דינען השי"ת און יראה ומוסר ודרך ארץ וואס איז פריהער פאר די תורה, דורך דעם זענין זוכה די תלמידים צו חיי עולם הבא לכן זאלין די מלמדים מורא האבען ווארען די זינד פון די תלמידים הענגין אין זייער האלז, ווארען דער פאטער פון קינד טוהט דאס זייניגע ער בייצאלט דעם מלמד, איז אויף דעם מלמד מוטל ער זאל נישט טוהן השי"ת'ס מלאכה מיט פאלשקייט, ער זאל ווארפין א מורא אויף זיי, בפרט בענין יראת ד' דאס איז עיקר וואס אלעס הענגט אן דעם, דער מלמד זאל אויס פרעגין אויב דאס קינד איז נזהר בכבוד אב ואם, און פאלגט זיי, אויב זיי זענין נזהר אין נטילת ידים וברכת המוציא וברכת המזון, און אויב זיי רעדין נישט בשעת התפלה און אז ער ווערט גרעסער צו ווארענען ער זאל זיך דערוויטערין פון די שלעכטי בחורים וואס זיי פאר לערנין די קלייניגע קינדער זיי גיוויינען צו אלע שלעכטי זאכין זיי זאלין גנב'ן ביי זייער פאטער, זיי זאלין זיין זולל וסובא דאס ברענגט צו אלע עבירות גרינגע און הארבע זיי גייען ארוים צו תרבות רעות ר"ל נישט דאס אלייננט וואס פארלערנען אין פאטערס געלד און גיבען אוועק אנדערי מיט שפיליכץ כו' נאר נאך זייער טויט ווערין די מלמדים מיט די פעטערס ליידין א גרויסען עונש, מען זאגט צו זיי זעהטץ וואס פאר א קינדער האט עטין אויף גיצוגין עטץ האט איבער גילאזט קינדער וואס דערצערנין השי"ת אפילו דער פאטער און זיין רבי זענין צדיקים וחסידים ווערין זיי גישטראפט אין די זינד פון די קינדער, אויך מענשען שעלטין זיי פארפליכט זאל ווערין דער וואס האט דאס געווינען און דער וואס האט דאס אויף גיצויגין לכן איז די עצה עס זאל פארקערט ווערין די קללות אויף ברכות, דער פאטער און מוטער זאלין שטראפין דאס קינד אין איין זייט און דער מלמד אין די צווייטע זייט, זאלין מאכין גיוויינען די קינדער מיט מורא ופחד מיט יראת ד' ביז דיא קינדער ווערין זיך גיוויינען דער מיט, און אלע ווערין זוכה זיין צו חיי עולם הבא און ווערין זאגען גילויבט

גילויבט איז דער וואָס האָט דאָס גיווינען און גילויבט איז דער וואָס האָט דאָס קינד אויף גיצויגען.

נאָך שרײַבען די הײליגע ספרים אַז מיר וואָלטין גיווײנט דיא קינדער אַזוי ווי אונזערי עלטערין, וואָלטין מיר נישט גיקומען צו אַזוי אַשאַנד, נאָר מיר וואָלטען גיוועזין חשובים, אָבער איצט האָבין זײ נישט אַזוי גיטוהן זײ האָבין כסף וזהב גענומין זײ דאָס צוא דיא עבודה זרה, זײ נעמין זיך אַרײַן אין שטוב אַ לערער אויף צו ציהען די קינדער אַזוי ווי דײַטשען, גוים, נײַען. עס איז בײַ זײ אַ איסור צו הערין שמוסען יודיש, נאָך האָבין זײ מוסיף גיוועזין צו נעמין כלי זמר פאַר די טעכטער אויך, ווײַל זײער לערער האָט אַזוי גיהײסען צו דערוועקין זײער רוח הטומאה מיט דעם נאות, די הײליגע חכמים זאָגין (סוף מסכת סוטה) זמרא בביתא חורבא בביתא, אַז אַ גיזאַנג איז אין שטוב איז אַ חורבן אין שטוב, צײַט דאָס בית המקדש איז חרוב גיוואָרין טאָהר מען נישט הערין שפּילין, נאָר בזמן שמחה דהיינו פורים, ועל נשואין אַ חתונה, אַז ער הערט שפּילען זאָל ער זיפצען און זיך דערמאַנען אָן חורבן בית המקדש שיבנה במהרה בימינו מכילא אַז די קינדער ווערין גרויס מיט וועמען טוהט מען זײ משדך זײַן געלד מיט געלד וח"ו זאָלין זיך משדך זײַן זײערע טעכטער צו אַ תלמיד חכם וואָס ער זיצט על התורה ועבודה, צו דעם זאָגין זײ זײ האָבין נישט קײַן געלד נעדונגען צו טוהן צו געבין קעסט און דירה און נאָך זײער בדאַרפעניש. אויך ווילין די טעכטער אַלײנט שוין נישט קײַן תלמיד חכם ווײַל זײ זענין אויף גיוואַקסין גיוואָרין מיט דעם נאות, השי"ת איז אַ מאריך אף ער דערלענגערט דעם צאָרן און איז גובה דאָס זײַניגע, עפּעס זאָלט נישט פרעגען פון פושעים וואָס זענין מצליח, די תורה הקדושה האָט גישריבען סוף פ' ואתחנן, ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו השי"ת בצאָלט זײ אויף די וועלט וואָס האָבין אַמאָל עפּיס גוטס גיטוהן כדי ער זאָל זײ מאַכין פאַרלירין אויף יענע וועלט אָבער השי"ת שענק נישט קײַן שום מענש נאָר אַז ער טוהט תשובה איז השי"ת איהם מוחל, אַ מענש ברויך צו וויסען אַז עס איז נישט דאָ קײַן עצה קענין השי"ת אַ טײל וואָס פאַר ענטפערין זיך זײ מײנען צו זוכען זײער קינד אַ פרנסה, איבער דעם קוקען זײ אַוועק, און גיבען זײ אין אַ גיוועלב אַרײַן אָדער צו אַ בעל מלאכה וואָס זענין רשעים ר"ל איז דען ח"ו שוועהר פאַר דעם בורא עולם וואָס האָט באַשאַפין די גאַנצי וועלט ער שפּײַזט מקרני ראמים ועד ביצי כינים אַלע בעשעפענישן, זאָל שפּײַזין זײַנע קינדער אויך אַז ווערין נישט זײַן ח"ו קײַן פושעים אויך אפילו עס זאָל זײַן אמת אַז אָן דעם וועט ער קײַן פרנסה נישט האָבין, מעג מען דען אָפּ טוהן זײַנע קינדער פון השי"ת'ס וועג זײ זאָלין ווערין ח"ו רשעים איבער פרנסה דער ערשטער עיקר פון דיא י"ג עיקרים וואָס אַ יוד ברויך צו גלײבין, איז דאָס ערשטי שהבורא ב"ה וב"ש ער האָט באַשאַפין די וועלט און פיהרט די וועלט, און ער טוהט אַלע זאַכען וואָס ווערט גיטוהן אויף די וועלט. און אויב עס

איז

איז נגזר געווארין אז זיין זוהן זאל זיין איין עושר, אפילו ער וועט זיך נישט קענין חתמנ'ן זיין נאמען, פונדעסט ווענין דאס עשירות וואס איז נגזר געווארין פון הימעל אויף איהם וועט אויף איהם א ליינט קומען, אזוי ווי מיר זעהן אסאך עשירים היינט אויך פון פאר צייטענס, און אויב עס איז נגזר געווארין אויף איהם ארימקייט ח"ו. אפילו ער וועט זיין א קלוגער מענש אין משא ומתן און א קענער אין לשון, וועט ער איין ארימאן בלייבען ער וועט ווערין נישלאגין מאפילט אויף די וועלט און יענע וועלט, ווארען מיט זיין כח וועט ער נאר נישט מאכין, וואס האבין מיר מאריך צו זיין אזעלכעס וואס מיר זעהן אלייגט מיט אונזערי אייגען צייט עטליכע יאהרען איז פארקערט געווארין אסאך מענשען מיט זייערי קינדער אזוי ווי פון טאג צו נאכט. דאס אלעס איז געקומען ווייל מען האט נישט געוועהרט אין זיי מחמת מורא האט ארויס געשפראצט דאס גאנצי הפקרות די פאות מיט די באָרד שערין זייא בפרהסיא, און נאך זאבין וואס איז פיהל ארוים צו שרייבין דאס אלץ וועגט זיך על פי רוב אין פאטער און מוטער וואס מאכין נישט חתונה אין די צייט שעמען זיך צו גייען מיט די באָרד, אויך אויף דיא טעכטער טוהן זיי אויך ווייניג אכטונג געבען, אז ער זעהט אז עס איז נאר עפיס אויף איהם איין עול צו געבין פרנסה שיקט ער זיי אוועק דינען אין די פרעמדי ארטין ער ווייסט נישט אין וועלכין הויז ער גיט ארייין זיין קינד זיי קומען חלילה צו חילול שבת וכדומה אזוי ווי עס האבין ארוים געשריבען די צדיקים שליט"א פון די איצטיגע צייטען אז יעדערער זאל היטען זיינע קינדער ארוים צו שיקען אין אפרעמדע שטאדט אז ער ווייסט נישט אויף וועלכין ארט ער גיט ארייין זיין קינד אויך צו היטען די טעכטער זאלין נישט גיין אויף גידעקט די הענד, אויך אנדערי ערטער פון לייב אין דעם שטעקט אסאך איסורים זייא זענין מכשיל הרבים דער מאנסביל דער וואס קוקט איז עובר א איסור, נאר אפילו זיי זענין אין שטוב וואס זעהט נישט קיין מענש נאר דאס בני בית און דער מאן טאר מען אויך נישט זאגין קיין שום תפלה וברכת המזון און קיין שום ברכה וכל דבר שבקדושה אזוי ווי אקענין בית הכסא אויך די ווייבער וואס גייען אין קאפקיס אין האר שייטליך ברויכין זיין נזהר מען זאל נישט ארוים זעהן קיין שום צייכען פון זייערי האר אז נישט טאר מען נישט זאגען אין שטוב כל דבר שבקדושה אין גאס זענין זיי מכשיל הרבים, ומכל שכן נאך די וואס גייען אין גאנצין אין זייערי האר דיא הייסין עוברת על דת יהודית זיי זענין נישט בגלייכט צו קיין שום יודישע זאך און דער עונש איז זייער גרוים, דער מאן ברויך צו פרעגין א שאלה צו ער מעג מיט איהר וואהנען, און אויב זיא קומט אין שול ארייין, טאר נישט קיין שום אשה דאוונען עס איז גלייכער נישט צו דאוונען איידער צו דאוונען קעגען די האר פון א אשה.

א וויכטיגע ערקלערונג וועגען די גרויסע עבירה וואס די פרויען נעהען

נעהען מיט די אייגענע האר. אזוי האבין ארויס גישריבען די חברה מחזיקי הדת פון ווארשא די איצטיגע צייט, צו אונזער גרויסען בעדויערען איז דא היינטיגע צייטען פיעל וועלכער וואס נעהען אין אייגענע האר בפרהסיא. און וויסען גאר נישט ווי גרויס די עבירה איז, דארום מוזען מיר דאס ערקלערין דייטליך פון תורה, גמרא און שלחן ערוך. אפרוי וואס געהט אין אייגענע האר אין נאס איז זי יעדער רגע עובר א איסור פון דער תורה. אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (כתובות עב א) און אזוי שרייבען אלע פוסקים (הריי"ף ורמב"ם ורא"ש ומרדכי וטור ושו"ע וב"ש).

אויסער דעם איסור דאורייתא וואס זי אליין איז עובר יעדער רגע, איז דא נאך אגרויסע עבירה דען אז אפרוי געהט אין אייגענע האר אפילו אין שטוב, שטייט אין גמרא (ברכות כד א) און אזוי פסק'נען די פוסקים אז דאס איז א ערוה, דארום טאר קיינער נישט, אפילו איהר מאן טאר אויך נישט דאווגען אדער קידוש מאכען אדער בענטשען אדער לייענען קריאת שמע אדער לערנען אויב זי איז דארט, אזוי ווי עס שטייט אין דער תורה (דברים כג טו) „ביי דיר זאל נישט גיזעהן ווערען קיין ערות דבר", האבען דערפון די היילוגע חז"ל אפגילערינט אז מען טאר נישט דאוונען אדער זאגען א ברכה אדער לערנין אנטקעגען א ערוה, דער מענש וואס איז דאס עובר איז ער עובר א איסור דאורייתא, א לאו פון די תרי"ג מצות.

דארום איז נעבאך אך און וועה אויך צום מאן און צו די קינדער פון דער חצופה וואס געהט מיט אייגענע האר, דען אויסער וואס זי זעלבסט איז יעדער רגע עובר א איסור דאורייתא, זענען זיי דורך איהר אויך עובר שטענדיג א איסור דאורייתא (ווען זיי דאוונען אדער מאכען קידוש אדער בענטשען אנטקעגען איהר).

און אויסער דעם האבען די חז"ל (בזוה"ק) געשאלטען דעם מאן פון א פרוי וואס געהט מיט אייגענע האר, אז ער זאל ווערען צו מישט ר"ל, אויך האבען דארט די חז"ל געזאגט נאך שרעקליכע און שוידערהאפטע זאכען ר"ל. אויך האבען די חז"ל (שבת נד ב) געזאגט „יעדער מענש וואס קאן ווערען זיינע שטוב מענשען אז זיי זאלען נישט טהון קיין איסור, און ער האט זיי נישט, ווערט ער אויך באשטראפט פאר זייערע זינד".

דארום איז א גרויסער חיוב אויף יעדען מאן, וואס זיין פרוי געהט מיט אייגענע האר, אז ער זאל איהר געבען צו פערשטעהן ווי גרויס עס איז די עבירה וואס זי איז עובר, אויך ווי גרויס עס איז די עבירה וואס זי ברענגט איהם ער זאל עובר זיין דורך איהר, און דעם גרויסען קלקול וואס זי ברענגט דורכדעם צו איהר און צו איהם און צו די קינדער, און ער זאל זעהן מיט אלע מעגליכקייטען און מיט אלע עצות אויספיהרען ביי איהר אז זי זאל באלד אוועק ווארפען דאס

פאשארטקייט

פאַשאַרטקייט און זי זאָל נישט נעהן מיט די אייגענע האָר, כדי זיי זאָלען ניצול ווערען פון איסורים דאורייתא. און בזכות זה וועט דער מאַן און זיין פרוי און זייערע קינדער געבענטשט ווערען מיט אַלעם גוטען, אמן.

די אַלע זאַכען איז נישט קיין נייעס, די צדיקים הקדושים האָבין שוין אַרוים גישריבען אַללעס פון די זאַכין נאָר דאָס ווערט אָן גיקלעפט אין בית המדרש אין שול דערנאָך ווערט דאָס אָן געריסען אויך דער המון עם קענין נישט ליינען אויף לשון קודש ווייסען זיי נישט וויא גרוים דער איסור איז, לכן זענין מיר גיקומען דאָס אַלעס מעתיק זיין אויף זשאַרגאָן כדי אַלע זאָלין קענין ליינען און פאַרשטיין די אַלע ענינים וויל עס איז דאָ אַסאַך וואָס ווייסען נישט ווי וויט איז גרוים די איסורים וואָס אויבין איז גישטאַנען, אַזוי ווי מען שמועסט נאָר מיט אַ מענש וואָס איז נישט נזהר אין די זאַכין זאָגט ער דאָס איז נאָר פאַר חסידים וועגין אָבער זיי זענין פטור, לכן זענין מיר בטוח די אַלע וואָס וועלין ליינען די בריעף מיט די אַלע ענינים, וועלין זיי וויסען אַז דאָס איז דער יסוד פון גאַנצין יודישקייט, און וועלין זיכער תשובה טוהן זיך אַנדערשט פיהרען מיט זיינע קינדער, וועט השי"ת זיי מוחל זיין וויל זיי זענען גיוועזין אַ שוגג ביז איצט, און וועט זוכה זיין צו אַלעם גוטען מיט גוטע קינדער און וועלין האָבין חן אין די אויגען פון השי"ת און ביי מענשען און וועט זוכה זיין צו עולם הבא אמן.

אויך איז נייטיג מודיע זיין אַז די פאָניגראַמען וואָס האָט זיך גימאַכט אויף פיהל ערטער דאָס ברענגט צו אַסאַך שלעכץ ח"ו, מען טאָר נישט הערין אַ קול פון אַ גיזאַנג נאָר אויף אַ שמחה של מצוה דהיינו אַ חתונה וכדומה די חכמים האָבין גיאסרת צייט דאָס בית המקדש איז חרוב גיוואָרין. אויך די פאָניגראַמען רעדין אַרוים מיאוסע רייד אפילו זיי רעדין דברי קדושה איז אויף לצנות ח"ו הייסט עס אַ מושב לצים אויך קומט זיך צו זאַמין בחורים ובתולות, אין פרק אבות שטייט שחוק וקלות ראש מרגילין את האדם לערוה די גילעכטרין מיט דעם גרינגען קאָפ ברענגט צו זנות ח"ו, לכן זענין מיר בטוח דער וואָס וויל חס האָבין אויף זיינע קינדער וועט מקיים זיין אַלעם וואָס מיר האָבין אויבין גישריבען, ער וועט זוכה זיין לחיי עוה"ב מיט גיבענטשטע קינדער ביז אייביג אמן.